NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06002

# KOLOMAN VALISH 1889-1934

Mendel Osherowitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אשעראוויטש

# קאַלאָמאַן וואַליש

1889—1934

## די לעבנסגעשיכטע פון אַ סאָציאַליסטישן קעמפער

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג
קינדער־רינג
ביי דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג, ניו יאָרק.

# קינדער־רינג ביבליאָטעק

Copyright 1937
by
Ferlag Kinder Ring
of the
Educational Committee
of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

200
Futuro Press, 476 Broadway, N.Y.C.



קאַלמאַן וואַליש



פּאַולאַ וואַליש, קאַלמאַן וואַלישעס פרוי.

1

# ניט קיין געבעטענער, אַליין געקומען

„זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעפּובליק אין עסטרייך!
זאָל לעבן די רעוואָלוציע!״

אַזוי האָט דער סאָציאַליסטישער קעמפער קאָלאָמאַן וואַליש אויסגעשריען הויך, אויף אַ קול, איידער מען האָט אים אויפגעהאַנגען. דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער זיינע פאַרן טויט. און אַרויסגעזאָגט האָט ער זיי מיט מוט, און זיי האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן הויף, און האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון פון אַלע מענטשן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט וואַלישן געקעמפט אין עסטרייך פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט, און אויך אין זכרון פון די, וואָס האָבן בלויז געהערט פון אים.

דאָס איז געשען מאָנטיק, דעם 18טן פעברואַר, 1934. דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון די סאָציאַליסטן אין עסטרייך איז דורכגעפאַלן און איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט.

פינף און פערציק יאָר איז קאָלאָמאַן וואַליש דעמאָלט אַלט געווען. און צווישן די, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם קאַמף פאַר פרייהייט קעגן די פאַשיסטישע כוחות אין עסטרייך, איז ער געווען איינער פון די בראַווסטע און מוטיקסטע.

***

קאָלאָמאַן וואַליש איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1889, אין

דעם קליינעם שטעטל לוגאָס, וואָס געפינט זיך אין אונגאַרן און וואָס איז אין 1920 אַריבער צו עסטרייך.

זיין פאָטער, מאַטיאַס וואַליש, איז געווען אַן אָרעמער אַר־בעטער און האָט זיך אַלע יאָרן זיינע געפּלאָגט און געמוטשעט אין דעם קליינעם שטעטל. ווי אַ סך אַנדערע אין זיין שטאַנד, האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דעם ביטערן גורל. ער האָט שטענדיק שווער געהאָרעוועט און קיינמאָל ניט געהאַט גענוג אויף צו לעבן. אָבער כאָטש ער האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט און געלעבט אין אַזאַ אָרעמקייט, איז ער אין דער נאַטור געווען אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, און אין אַ געזעלשאַפט, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט שוין ניט געקענט זיין אומעטיק; ער איז געווען אַ מייסטער צו דערציילן שיין אַ געשיכטע און מאָלן אַלץ אַזוי לעבעדיק, אַז מע זאָל דאָס ממש זען פאַר די אויגן. ער איז אויך געווען אַ מייסטער צו זינגען אַ ליד, אַ שיין פאָלקס־ליד, וואָס אַלע קענען נאָכזינגען. און טאַקע דערפאַר איז ער אומעטום געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

ניין קינדער האָט זיין מוטער געבאָרן איידער זי האָט אים, קאַלאָמאַנען, געבראַכט אויף דער וועלט. די אָרעמע שטוב איז געווען פול מיט קינדער, און אַלע האָבן געוואָלט עסן, און ס׳איז ניט געווען וואָס זיי צו געבן.

מען האָט דעם נייגעבאָרענעם קינד, אַ ייִנגעלע, אַ נאָמען געגעבן קאַלאָמאַן־אַדאָלף־יאָזעף. און קיינער אין דער פאַמיליע האָט זיך ניט געפרייט מיט זיין געבורט, ווייל קיינער האָט אים ניט געדאַרפט. מען האָט זיך געזאָרגט, וואָס עס איז צוגעקו־מען נאָך אַ מויל צו עסן, ווען ס׳איז נישטאָ וואָס!

אין דער גרויסער אָרעמקייט זיינען פיר קינדער געשטאָרבן. און וואָס אַמאָל איז די נויט געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און מען האָט פאַר זיך קיין שום אויסזיכט ניט געזען אויף בע־סערע צייטן. דער אַלטער מאַטיאַס האָט שוין מער קיין כוח ניט

געהאַט צו אַרבעטן אַזוי שווער. איז אים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל אין גאַנצן אויפגעבן די אַרבעט און זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש.

אַזוי ווי זיין ווייב קען גוט קאָכן און ער אַליין קען פריילעך מאַכן אַ געזעלשאַפט, וועט ער פון דער שטוב מאַכן אַ רעסטאָראַן, וואָס וועט זיין אַ רעסטאָראַן, אַ „שטיקל שענק״; מענטשן וועלן קומען אַהער עסן און טרינקען, און — עס וועט זיין פּרנסה.

אַזוי האָט ער געטאָן. געמאַכט פון דער שטוב עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אַ רעסטאָראַן, אַ שטיקל שענק. און ביידע, דער פאָטער, די מוטער, האָבן געאַרבעט שווער און עס איז געווען פּרנסה און מען האָט שוין מער ניט געדאַרפט הונגערן.

קאַלאַמאַנס פאָטער איז געווען צופרידן אויך דערפון וואָס ער האָט איצט די מעגלעכקייט צו זען אַ סך מענטשן. דאָס האָט ער זייער ליב געהאַט. ער איז אויך געווען צופרידן דערפון וואָס איצט וועט ער האָבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן זיינע קינדער פאַר לייט און זען, אַז זיי זאָלן קריגן בילדונג.

אָבער זיין שיינער טרוים איז צעשטערט געוואָרן איבער אַן אומגליק, וואָס איז פלוצלונג געשען.

געטראָפן האָט זיך דאָס ביינאַכט. ביי אַ טישל אין דער „פּרנסה־שטוב״ זיינען געזעסן עטלעכע שפּעטע געסט און האָבן געררייכערט און געמיטלעך געפּלוידערט ביי אַ גלעזל וויין; דער אַלטער מאַטיאַס וואַליש האָט דערציילט געשיכטעס און מען האָט געלאַכט. מיט אַמאָל האָט מען דערזען ווי פון אַ ווינקל זעצט אַ רויך, און איידער מען האָט זיך גערירט איז שוין די גאַנצע שטוב געווען אין פלאַמען.

מען איז קוים מיטן לעבן אַרויס. דאָס הויז האָט אָפּגע־ברענט און עס איז פון אים געבליבן ניט מער ווי אַ באַרג אַש. אַלץ וואָס די פאַמיליע האָט פאַרמאָגט איז אַוועק מיטן רויך.

פאַר דער פאַמיליע איז די שרפה געווען דאָס גרעסטע אומ־גליק, און די אָרעמקייט איז געוואָרן נאָך גרעסער ווי גאָר אַמאָל. קאַלאַמאַנס פאָטער האָט אין דעם געזען אַ „שטראָף פון גאָט", כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט מיט וואָס ער האָט זיך פאַר־זינדיקט. און אין יענער צייט איז ער מיט אַמאָל געוואָרן פרום. די פריילעכקייט, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט, איז מיט אַמאָל אין גאַנצן פארשוואונדן, ער האָט שוין מער קיין געשיכטעס ניט דערציילט און מער קיין לידער ניט געזונגען.

אין די אָוונטן האָט ער אַלע מאָל צוגערופן די קינדער צו זיך און געדעדט מיט זיי וועגן גאָט און זיין געבאָט. ער האָט מיט זיי אויך געזונגען. אָבער — שוין מער ניט די לידער, וואָס מען האָט פון אים פריער געהערט, נאָר פרומע קירכן־געזאַנגען. און דערביי האָט ער פון דעם קליינעם קאַלאַמאַן מער ווי פון אַלע אַנדערע קינדער אָנגעקוואָלן, ווייל קאַלאַמאַן האָט די פרומע קירכן־געזאַנגען שענער פון אַלעמען געזונגען. ער האָט זיך אין דעם אַזוי אויסגעצייכנט, אַז אין אַ קורצער צייט איז ער אין דעם פאַמיליען־כאָר געוואָרן דער גאַנצער אָנפירער.

2

# געבליבן אַ יתום



ווען קאַלמאַן וואַליש איז אַ קליין ייִנגעלע געווען, האָט מען שוין געקענט זען, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ פירער. אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך מיט די אַנדערע קינדער געשפּילט, איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז ער האָט אין שפּיל געהאַט די הויפּט-ראָלע. אַפילו ווען די אַנדערע ייִנגלעך זיינען געווען עלטער פון אים, איז ער דאָך געווען דער „עלטסטער" אין שפּיל. צו אים האָט מען זיך צוגעהערט און אים האָט מען געפאָלגט.

מורא האָבן פאַר עפּעס — דאָס איז אים געווען אין גאַנצן פרעמד. ער האָט פּשוט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט מורא. און איינמאָל, ווען זיינע אַ דערוואַקסענע שוועסטער האָט זיך געקלאָגט וואָס איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן און זי האָט מורא צו זיין אין דער היים אַליין, האָט דער קליינער קאַלמאַן געגעבן אַ זאָג:

— אויב דו האָסט מורא, וועל איך שלאָפן ביי דיר אין הויז, און דו וועסט פאַרשפּאָרן מורא צו האָבן.

און אין גאַנצן איז ער דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר!

ביי זיינע עלטערן אין הויז האָט מען גערעדט דייטש. דאָס איז געווען די מוטערשפּראַך פון דער פאַמיליע. אָבער די שול, וואו דער קליינער קאַלמאַן האָט זיך געלערנט, איז געווען אַן אונגאַרישע, און ס'איז דעריבער אויסגעקומען אַזוי, אַז פון קליינערהייט אָן האָט קאַלמאַן וואַליש געהאַט צוויי שפּראַכן — איינע אין דער היים און איינע אין שול. אָבער ניט קוקנדיק

דערויף וואָס אונגאַריש איז ניט געווען זיין מוטערשפּראַך, האָט עס לאַנג ניט געדויערט און ער איז אין שול געוואָרן איינער פון די בעסטע שילער. ער האָט אַלץ געוואָלט קענען גרינטלעך און ניט גלאַט אַזוי, פון אויבן אויף.

אַ יינגל פון עלף יאָר איז קאַלמאַן וואַליש געווען, ווען ער איז געבליבן אַ יתום אָן אַ טאַטן. אין דער פאַמיליע איז ער דאַן געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך נאָך שטאַרק גע־נייטיקט אין אויפזיכט פון אַ פאָטער. די אַנדערע קינדער זיינען שוין געווען דערוואַקסענע און האָבן אַליין שוין געקענט זאָרגן פאַר זיך. דער קליינער קאַלמאַן אָבער האָט דאָס נאָך ניט גע־קענט. די מוטער ווידער איז געווען אומבאַהאָלפן און עס איז פאַר איר שווער געווען אים אויסצוהאַלטן.

קאַלמאַן האָט געמוזט אַוועק פון דער היים זוכן אַרבעט און אויפגעבן דאָס לערנען אין שול. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גוטן שילער, האָט אַ פאַרמעגלעכער באַלעבאָס אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַריין, ער זאָל לערנען מיט זיינע קינדער.

קיין געלט האָט מען אים דערפאַר ניט געצאָלט. לויטן אָפּמאַך האָט מען אים פאַרן לערנען מיט די קינדער געדאַרפט געבן בלויז עסן, און אַלס אַ ספּעציעלע באַלוינונג — אַ פּאָר שטיוועלעך.

דער קליינער קאַלמאַן האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז מען וועט אים קיין געלט ניט צאָלן פאַר זיין אַרבעט, ווייל דעם אָפּמאַך מיטן באַלעבאָס האָט געשלאָסן ניט ער, נאָר זיין מוטער, די אָרעמע אלמנה. ער האָט געמיינט, אַז אויסער דעם וואָס מען גיט אים עסן און מען מאַכט אים אַ פּאָר שטיוועלעך ביי אַ שוס־טער, וועט מען אים געבן אַביסל געלט אויך. און ער האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז פאַר דעם געלט וועט ער קויפן דער מאַמען אַ מתנה.

ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי די מאַמע וועט זיך אודאי פרייען, ווען ער וועט איר די מתנה ברענגען, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן, ווייל ער האָט די מאַמע זייער שטאַרק ליב געהאַט.

אָבער ווען ס׳איז אַוועק אַ יאָר און ער האָט געזען, אַז מען גיט אים אין גאַנצן קיין געלט ניט, איז ער צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דעם געלט, וואָס איר האָרפט מיר געבן?

— וואָס פאַר אַ געלט? — האָט יענער אים אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער.

— געלט פאַר דעם וואָס איך האָב אַ גאַנץ יאָר געלערנט מיט אייערע קינדער.

— און פאַר וואָס האָב איך דיר אַ גאַנץ יאָר געגעבן עסן? און פאַר וואָס האָב איך דיר אַ פאָר שטיוועלעך געמאַכט? — האָט דער באַלעבאָס אים געשטעלט איין פראַגע נאָך דער אַנדערער. — האָסט מיר אָפּגעקאָסט גענוג געלט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס קאַלמאַן וואַליש האָט דערפילט דעם טעם פון עקספּלואַטאַציע און פון אומגערעכטיקייט. און דאָס האָט אויף אים זייער שטאַרק געווירקט.

ניט אַלע מאָל האָט קאַלמאַן געקענט געפינען אַרבעט, ווייל ער איז נאָך געווען צו קליין און האָט קיין באַשטימטן פאַך ניט געהאַט. גאַנץ אָפט האָט ער געמוזט בלייבן וואוינען מיט דער מוטער אין דער היים. און ווייל די אָרעמקייט אין שטוב איז געווען זייער גרויס און עס זיינען געווען טעג ווען ס׳איז פּשוט ניט געווען וואָס צו עסן, איז די מוטער איבער דעם געוואָרן זייער נערוועז און קרענקלעך. אין די מאָמענטן, ווען די פאַרצווייפלונג איז ביי איר געווען זייער גרויס, האָט זי דעם גאַנצן כעס און די גאַנצע פאַרביטערטקייט אירע אויסגעלאָזט צום זון, און זי האָט אים געהרגעט-געשלאָגן, כאָטש זי האָט אים ליב געהאַט.

שלאָגנדיק אים האָט זי געוויינט. עס האָט איר געריסן דאָס האַרץ אויף אים. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט שולדיק אין דעם וואָס עס איז איר אַזוי ביטער אויפן הארצן און אין דעם וואָס איר לעבן איז אַזוי וויסט. אָבער זי האָט זיך דאָך ניט געקענט העלפן; ער איז געווען דער איינציקער, צו וועמען זי האָט דעם כעס געקענט אויסלאָזן, און זי האָט אים געשלאָגן, זי האָט אים ביי די אויערן געריסן, און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט אים טאַקע געמאַכט טויב אויף איין אויער.

קאַלאָמאַן האָט שטענדיק געפילט, אַז דאָס לעבן קריוודעט אים און ער מוז זיך שטעלן אַקעגן, און עס איז ביי אים אַלץ אויסגעקומען, אַז ס׳איז ניט גוט וואָס ער איז אַ קליינער און אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער, ווען ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער.

און ווען ער איז פערצן יאָר אַלט געוואָרן און האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעטאָן אַ פּאָר לאַנגע הויזן, איז ער געווען אין זיבעטן הימל און האָט זיך געפילט גליקלעך:

ער איז שוין אַ גרויסער!

# אויפן גלייכן וועג

די אונגאַרישע שטאָט לוגאָס, וואו קאַלמאַן וואַליש האָט געלעבט, איז געווען אַזאַ ווי יעדער אַנדער שטאָט. דאָרטן איז געווען גענוג אָרעמקייט און נויט. אָבער דאָרטן איז נאָך ניט געווען קיין אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז ניט געווען קיין סאָציאַליסטישע פאַרטיי. די לאַגע איז אָבער געווען אַזאַ, אַז די אַרבעטער האָבן געמוזט זיך אַרומזען וואו זיי האַלטן אין דער וועלט און אָנהייבן העלפן זיך אַליין, ווייל קיין זייטיקער וועט דאָך ניט העלפן.

עס האָט די אָרעמע מענטשן פשוט אויסגעפעלט דאָס נייטיקסטע; זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו לעבן, און זיי האָבן געמוזט זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, און דער איינציקער וועג איז געווען זיך צו אָרגאַניזירן און קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן ניט איינציקווייז, נאָר אַלע אין איינעם.

דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אידייען אין דער אונגאַרישער שטאָט לוגאָס, איז געווען אַ רוסישער מאַטראָס, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד אויף דער קריגשיף „פאָטיאָמקין”. נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן און אַ סך פון די רעוואָלוציאָנערע מאַטראָסן זיינען זיך צעלאָפן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן, איז איינער פון זיי אָנגעקומען אין דער אונגאַרישער שטאָט לוגאָס; ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַהין נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַ לענגערע צייט געוואַלגערט אין אַ סך אַנדערע שטעט. און ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, איז ער געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין די

אַרבעטער־קרייזן, און דאָרטן איז ער געוואָרן אַ פֿריינד מיט קאַלמאַן וואַלישעס עלטערן ברודער פֿראַנץ.

פֿראַנץ איז שוין אין שטאָט געווען באַקאַנט ווי איינער, וואָס „בונטעוועט" די אַרבעטער, און אין אים האָט דער רוסישער מאַטראָס פֿון דער קריגשיף „פּאָטיאָמקין" דערפֿילט אַ מענטשן, וואָס איז אים נאָענט אין גייסט. און ביידע, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אויפֿגעקלערטע אַרבעטער אין שטאָט, האָבן זיי געגרינ־דעט אַ גרופּע, וואָס האָט פֿאַרשפּרייט סאָציאַליסטישע אידייען.

און כאָטש קאַלמאַן איז דעמאָלט אין גאַנצן אַלט געווען פֿופֿצן יאָר, האָט אים זיין ברודער פֿראַנץ שוין אויך אַריינגענו־מען אין דער גרופּע, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ יינגל, אויף וועמען מען קען זיך גוט פֿאַרלאָזן און אַז ער קאָן אַ סך נוצן ברענגען.

עס איז אָבער אויסגעקומען אַזוי, אַז אַריין אין דער סאָ־ציאַליסטישער גרופּע איז ער ניט ווי איינער, וואָס קומט פֿון דער מאַסע, נאָר ווי איינער, וואָס ווערט אַ פֿירער פֿון סאַמע אָנ־הייב אָן. ער האָט געדאַרפֿט פֿירן אַגיטאַציע צווישן אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך ניט גענוג אויפֿגעקלערט; ער האָט געדאַרפֿט האַלטן רעדעס פֿאַר אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אַזוי דער־שלאָגן, אַז זיי האָבן זייערע אייגענע אינטערעסן ניט פֿאַרשטאַ־נען, און דאַן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער אַליין ווייס נאָך אויך זייער ווייניק און עס איז אים אַמאָל שווער צו ענטפֿערן אויף די אַלע פֿראַגעס, וואָס מען שטעלט אים.

האָט ער זיך פֿלייסיק גענומען לייענען ביכער. ער האָט גע־לייענט אַ סך, געשטודירט אַ סך. און ווען ער האָט איינגעזען, אַז אין זיינע פֿליכטן אַלס סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר איז פֿאַר אים נייטיק צו קענען ריידן פֿריי און פֿליסיק ניט נאָר אונגאַ־ריש, די שפּראַך, וואָס ער האָט אין שול געלערנט, נאָר אויך דייטש און רומעניש, ווייל די באַפֿעלקערונג אין אונגאַרן איז

אַ געמישטע, האָט ער זיך פליסיק גענומען שטודירן די שפּראַכן, און דאָס איז אים שפּעטער טאַקע זייער גוט צו נוץ געקומען אין זיין אַרבעט ווי אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר.

עס איז אים ניט אָנגעקומען גרינג צו קריגן דאָס וויסן, וואָס ער האָט זיך געגייטיקט אין דעם, ווייל אין יענער צייט איז אים געוועזן זייער שלעכט; ער האָט אַלע מאָל ביי אַן אַנדער מלאכה געאַרבעט ביז ער איז סוף כל סוף געוואָרן אַ מוליער. ער האָט שווער געאַרבעט און ווייניק פאַרדינט. אָבער מיט זיין פלייסיקייט איז ער אַלע שטערונגען בייגעקומען. ער האָט אין זיך געהאַט אַ קוואַל פון ענערגיע, וואָס איז גאָר ניט אויסצושעפּן.

צוזאַמען מיט זיין ברודער פראַנץ, וועלכער איז אין די ערשטע יאָרן געוועזן זיין לערער און וועגווייזער, האָט ער אין לוגאָס אָנגעפירט עטלעכע סטרייקס, און דער סוף איז געוועזן וואָס ביידע ברידער זיינען ביי אַלע באַלעבאַטים פון דער שטאָט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן „שוואַרצן צעטל” און זיי האָבן דערפאַר אין ערגעץ קיין אַרבעט ניט געקענט קריגן.

עס איז די צוויי ברידער געוואָרן ענג אין דער שטאָט, וואו זיי זיינען געבאָרן און דערצויגן געוואָרן. איז פראַנץ, דער עלטערער, אַוועקגעפאָרן קיין ווין, און קאַלאָמאַן איז אַוועק קיין דרעזדן.

אין דרעזדן האָט קאַלאָמאַן אַ סך געליטן און געאַרבעט ביי פאַרשיידענערליי מלאכות. ער איז אין דער גרויסער שטאָט געווען עלנט און האָט געבענקט אַהיים. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אין דער היים זיינען פאַר אים אַלע טירן פאַרמאַכט און ער וועט דאָרט בשום אופן קיין אַרבעט ניט קריגן. איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ווין, צום ברודער. דאָרטן האָט ער געפונען אַרבעט ביי זיין פאַך. אין אַ קורצער צייט איז ער שוין געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. מענטשן, וואָס האָבן אים נענטער דערקענט, האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט

אַמאָל שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג אין לאַנד.

דאָס איז געווען ניט שווער פאָרויסצוזען. עס איז אין אים געווען דער כוח, וואָס באַצויבערט, און אין זיין ריידן אויף פאַר־זאַמלונגען פון אַרבעטער איז געווען דאָס פייער, וואָס צינדט אָן הערצער.





קאָלמאַן וואַליש און זיין פרוי פּאַולאַ געשמידט אין קייטן.

4

# מלחמה און רעוואָלוציע

ווען די גרויסע וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכן אינעם יאָר 1914, איז קאַלמאַן וואַליש געווען אין דער פאַבריק-שטאָט זשעגעדין. ער האָט דאָרטן געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג און אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר, און ביי די אַרבעטער אין די פאַבריקן איז ער געווען זייער באַליבט.

און אַלע מאָל, ווען ס'איז אין אַ פאַבריק געוואָרן אומרואיק, האָבן די אַרבעטער געפאָדערט, מ'זאָל ברענגען קאַלמאַן וואַלישן. זיי האָבן געוואָלט הערן וואָס ער האָט צו זאָגן, און זיי האָבן זיך אַלע מאָל צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

אין יענער צייט איז קאַלמאַן וואַליש אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר, און ער האָט זיך געקליבן חתונה האָבן מיט דער מיידל, וואָס ער איז געווען פאַרליבט אין איר. פּאַולאַ האָט דאָס מיידל געהייסן. זי איז אויך געווען זייער טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז מען וועט אים נעמען אין דער מלחמה, ווייל ער איז געווען אַן אונטער-אָפיצער פונעם רעזערוו. דערפאַר איז די חתונה אָפּגעלייגט געוואָרן. ערשט שפּעטער, דעם דריטן יאַנואַר, 1915, האָט דאָס פּאָרל חתונה געהאַט. און כאָטש די צייטן זיינען געווען זייער אומרואיקע און סאָציאַליסטישע טעטיקייט האָט געקענט באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרראַט צום פאָטערלאַנד, איז דאָס פּאָרל געווען זייער אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין יענער צייט איז אין אַ וועב-פאַבריק, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער שטאָט זשעגעדין, אויסגעבראָכן אַ סטרייק. אין

דער פאַבריק האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט פרויען, און די אַרבעטס-באַדינגונגען זיינען געווען שרעקלעכע; מען האָט געקראַגן זייער קליינע שכירות און געאַרבעט האָט מען זעכצן און אכצן שעה אַ טאָג. פּאַאולאַ וואַליש האָט דאָרטן איינמאָל געהאַלטן אַ רעדע פאַר די סטרייקערינס, און דערפאַר האָט מען זי אַרעסטירט און זי איז אָפּגעזעסן אין געפענגעניש אַכט טעג. אָבער די פאָליציי האָט חושד געווען, אַז דער הויפּטשולדיקער אין דעם איז קאַלאָמאַן וואַליש און מען האָט אים אַרעסטירט.

אַ לענגערע צייט האָט די פאַמיליע ניט געקענט אויסגעפינען וואו מען האַלט אים פאַרשפּאַרט און אין וואָס מען קלאָגט אים אָן. ערשט שפּעטער, ווען מען האָט קוים מיט צרות אויסגעפונען אין וואָס פאַר אַ געפענגעניש ער זיצט, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מען קלייבט זיך אים אָנצוקלאָגן אין פאַרראַט דערפאַר וואָס ער האָט געהעצט אַרבעטער צו אַ סטרייק אין דער צייט פון מלחמה.

דאָס האָט באַטייט, אַז עס האַלט דערביי, מען זאָל אים פאַר־משפּן צום טויט.

אויפן פּראָצעס אין געריכט האָט זיך קאַלאָמאַן וואַליש גע־האַלטן זייער מוטיק. און דערביי האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וואָס האָט ביי אייניקע אַרויסגערופן אַ שמייכל און ביי אַנדערע — אַ כעס.

איינער פון די עדות אין געריכט האָט, אָנווייזנדיק אויף דעם אָנגעקלאָגטן, געזאָגט: — פאַר מיר איז דאָס איינער פון די גרעסטע וואונדער, וואָס איך קען ניט פאַרשטיין! איך האָב אַלע מאָל געגלייבט, אַז דער הער וואַליש איז זייער אַ פיינער, זייער אַן אָרענטלעכער מענטש. און צום סוף הער איך דאָ גאָר, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט!...

יענער מענטש איז אין געריכט געווען ניט דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ באַגריף וועגן סאָציאַליסטן. און ווען

קאַלאָמאַן וואַליש האָט דאָס געהערט, האָט ער מיט אַ שמייכל דערויף געענטפערט:

— דאָס דאַרף אייך ניט וואונדערן, מיין הער, ווייל אַ מענטש, וואָס איז טאַקע פיין און אָרנטלעך, מוז זיין אַ סאָציאַליסט!

די צייט איז דעמאָלט געווען אַזאַ, אַז עס האָט זיך דער עסטרייך־אונגאַרישער רעגירונג ניט געלוינט צו פאַרמשפּטן צום טויט אַן אַנגעזעענעם סאָציאַליסטישן טוער. האָט מען די קלאַגע קעגן קאַלאָמאַן וואַליש שוין ווי עס איז צעריבן. דער ריכטער האָט אים באַפרייט, אָבער ער האָט אים געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

די אויפזיכט האָט אָבער ניט געהאָלפן. וואַליש האָט גע־וואוסט ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון דער פּאָליציי און ער האָט ווייטער געטאָן זיין סאָציאַליסטישע אַרבעט אין געהיים.

ער האָט געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל ער איז דאָך געווען אַן אונטער־אָפיצער פון דער רעזערוו־אַרמיי. און איינמאָל, ווען ס'איז אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אייזנבאַן־אַרבעטער באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן אַרויסרופן אַ סטרייק און פּאַאולאַ וואַליש איז דאָרטן אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע, האָבן זיך אין זאַל גענור־מען הערן קולות:

„מיר ווילן הערן קאַלאָמאַן וואַליש! מיר ווילן הערן קאַלאָ־מאַן וואַליש!"

וויפל פּאַאולאַ האָט ניט געפּרואווט באַווייזן, אַז מען טאָר אַזאַ זאַך ניט פאַרלאַנגען, ווייל איר מאַן איז דאָך אַ זעלנער אין דער אַרמיי און עס איז פאַר אים אַ געפאַר אַרויסצוטרעטן אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג, האָט דאָס ניט געהאָלפן. די אַרבעטער האָבן אַלץ געשריען, אַז זיי ווילן הערן קאַלאָמאַן וואַלישן. און דאַן — צו דער איבעררעשונג פון אַלעמען — האָט מען מיט אַמאָל דערזען קאַלאָמאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע. אָנגעטאָן אין דער מיליטערישער אוניפאָרמע פון אַן אונטער־אָפיצער, האָט ער זיך

געגעבן אַ שטעל אַוועק און האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע, וואָס האָט אַלעמען אַנגעצונדן.

אויף יענער פאַרזאַמלונג האָבן די אייזנבאַן־אַרבעטער באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין סטרייק. און אָנגענומען דעם באַשלוס האָט מען אונטערן איינפלוס פון דער רעדע, וואָס וואַליש האָט געהאַלטן.

גראָד איז אויף יענער פאַרזאַמלונג געווען אַ שפּיאָן אויך און ער האָט וואַלישן געמסרט. דאַן איז דער סאָציאַליסטישער טוער ווידער געווען אין געפאַר, מען זאָל אים פאַרשפּאַרן אין געפענגעניש. אָבער אַ מיליטעריש געריכט איז געווען „גנעדיק" צו אים, און האָט באַשלאָסן, אַז אַנשטאָט אים צו פאַרשפּאַרן אין געפענגעניש, זאָל מען אים בעסער אַוועקשיקן צום פראָנט.

דאָס איז אין דער אמתן געווען כמעט דאָס זעלביקע ווי אַ טויט־אורטייל.

אין יאָר 1917 איז קאַלאָמאַן וואַליש שוין געווען אויפן שלאַכטפעלד, וואו די עסטרייכישע און דייטשישע אַרמייען האָבן זיך געשלאָגן מיט די רוסן.

אויף די וועגן, וואו ער האָט זיך מיט דער אַרמיי געשלעפּט, האָט ער געזען ווי שטעט און דערפער זיינען פאַרוויסט געוואָרן און ווי אומעטום בלאָנקען זיך אַרום מענטשן, וואָס האָבן שוין אַלע האָפענונגען פאַרלאָרן. ער האָט געזען ווי בלוט גיסט זיך טייכנווייז און ווי דאָס לעבן פון מענטשן איז שוין אין גאַנצן געוואָרן הפקר. דעם גאַנצן שווידער פון דער מלחמה האָט ער געזען, און דאָס האָט אים אַזוי שטאַרק צערודערט, אַז שפּעטער, ווען די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן וואָס ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, און ער האָט שטענדיק גערעדט מיט ווייטאָג וועגן דעם שווידער פון מלחמה.

די מלחמה האָט אים געלערנט ווי אַזוי מ'דאַרף פירן אַ קאַמף קעגן מלחמה, און די איינציקע האָפענונג זיינע איז געווען — רעוואָלוציע.

5

## אין די אומרואיקע טעג.

צווישן די זאַכן, וואָס איך האָב זייער און זייער פיינט, איז — איינגיין אויף פשרות ווען מען האַלט אין מיטן קאַמף", — אַזוי פלעגט קאַלמאַן וואַליש גאַנץ אָפט זאָגן.

ער האָט פיינט געהאַט קאָמפּראָמיסן.

ער פלעגט אויך זאָגן, אַז ער האָט פיינט צו האַלטן רעדעס, ווען עס ווייזט זיך אַ מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן.

עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס נאָך ביים אָנפאַנג פונעם יאָר 1919, נאָך איידער עס האָט אין אונגאַרן אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז קאַלמאַן וואַליש שוין טאָג ווי נאַכט געווען פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ער האָט אין זשעגעדין באַצייטנס צוגעגרייט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון פערציק טויזנט מענער און צען טויזנט פרויען. ער האָט זיי אַלעמען געמאַכט פאַר מיט־גלידער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט זיי געהאַלטן גרייט פאַרן אָנקום פון דער רעוואָלוציע.

אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אין בודאַפּעסט, האָט קאַלמאַן וואַליש געזאָגט:

„די בורזשואַזע רעגירונג פון גראַף קאַראָלי גוססט. זי קען מער ניט האַלטן די מאַכט אין אירע הענט. די קאָמוניסטן האָבן זיך געווענדעט צו אונז, אַז מיר זאָלן אין איינעם איבערנעמען די מאַכט און איינפירן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. זאָג איך, אַז סוואָלט געווען אַ פאַרברעכן, ווען מיר זאָלן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג ניט אָננעמען".

ער האָט טאַקע געגלייבט, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט איינצופירן אין אונגאַרן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, און ער האָט זיך דעריבער ניט געוואָלט צוהערן צו די מער געלאַסענע און מער פּראַקטישע סאָציאַליסטישע טוער, וואָס האָבן ניט געגלייבט, אַז די צייט איז שוין גרייט דערפאַר.

דעם 21טן מערץ איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקונג צווישן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער. דער פאַראייניקטער פּאַרטיי האָט מען געגעבן אַ נאָמען „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אונגאַרן”. און טאַקע אין דעם זעלביקן טאָג — דעם 21טן מערץ, 1919 — האָט די פאַראייניקטע פּאַרטיי אַרונטערגעוואָרפן די קאַראָלי־רעגירונג און אין אונגאַרן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ סאָוועטן־רעפּובליק. אין נייעם מיניסטאָרן־קאַבינעט זיינען געזעסן קאָמוניסטן און סאָציאַלדעמאָקראַטן.

גלייך פון אָנהייב אָן האָט מען געקענט זען און פילן, אַז די עקזיסטענץ פון דער נייגעגרינדעטער סאָוועטן־רעפּובליק אין אונגאַרן איז ניט קיין זיכערע, און אין יענער צייט האָט קאָלאָמאָן וואַליש ניט געהאַט קיין רואיקע מינוט, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט. ער איז זייער אַפט אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען און האָט גערופן די אַרבעטער צו באַשיצן די סאָציאַליסטישע רעפּובליק. ער האָט אויך אָרגאַניזירט מיליטערישע אָפּטיילונגען צו קעמפן קעגן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרמייען, וואָס די רעגירונגען פון רומעניע, פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע און טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן אַרויסגעשיקט צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אין אונגאַרן, און דאָ איז אים צו נוץ געקומען די דערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף די שלאַכטפעלדער אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

פונקט אַזוי ווי מען האָט אים געזען אָפט אויף דער טריבונע, אַזוי האָט מען אים אָפט געזען מיט אַ ביקס אין דער האַנט אין קאַמף קעגן די אויסלענדישע באַטאַליאָנען, וואָס מען האָט גע־

שיקט צו דערטרינקען אין בלוט די נייגעגרינדעטע ארבעטער־רעפובליק אין אונגארן. ער האט פאר דער רעפובליק זיין לעבן איינגעשטעלט. און ווען א רומענישער באטאליאן האט מארשירט אויף זשעגעדין, האט וואליש אויף שנעל צונויפגעשטעלט א בריגאדע פון באוואפנטע ארבעטער, און ער האט דעם מארש פון דעם רומענישן באטאליאן אפגעשטעלט.

„מיר האבן אונדזערע פאזיציעס ממש מיט די ציין פארטיידיקט, — האט קאלאמאן וואליש אליין שפעטער דערציילט וועגן דעם. — אפט האט זיך אונדז אויסגעדוכט, אז אט־אט וועלן די רומענישע סאלדאטן אונדז ארומרינגלען פון אלע זייטן און מיר וועלן אלע ביז איינעם פאלן אין שלאכט. אבער מיר האבן באשלאסן, אז וואס עס זאל ניט זיין — אונטערגעבן וועלן מיר זיך ניט! א גאנצע נאכט האבן מיר זיך געשלאגן, ביז עס האט זיך אונדז איינגעגעבן צו פארטרייבן די רומענער".

ניט מער ווי פיר חדשים מיט צוויי וואכן האט די אונגארישע סאוועטן־רעפובליק עקזיסטירט. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די מורא פון די עלטערע און מער אויסגערעכנטע טוער פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז ניט געווען אומזיסט.

סוף מאנאט יולי איז דאס געווען. א סך פון די, וואס זיינען געשטאנען ביים רודער פון דער אונגארישער סאוועטן־רעפובליק, האבן שוין געהאט איינגעזען, אז זיי האבן געמאכט א טעות אין חשבון און אז די כוחות פון דער קאנטער־רעוואלוציע זיינען א סך גרעסער און שטארקער ווי מען האט פריער געמיינט. דאן האט מען געפרואווט צונויפנעמען אין איינעם די בעסטע רעוואלוציאנערע כוחות און זיך אקעגנשטעלן ווי ווייט דאס וועט נאר זיין מעגלעך. און אין יענער צייט האט מען קאלאמאן וואלישן ארויסגערופן אין דער אונגארישער הויפטשטאט בודאפעסט.

וואליש האט קיין איין איבעריקע מינוט ניט פארלארן און

איז פון זשעגעדין גלייך אוועק קיין בודאפעסט, און מיט עטלעכע טעג שפעטער האָט זיין ווייב פּאַולאַ שוין געקראָגן די ידיעה, אַז די נייגעגרינדעטע סאָוועט-רעגירונג איז געפאַלן און אַז בעלאַ קון, דער הויפּט פון דער רעגירונג, איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

פאַרכאַפּט די מאַכט האָט דער אונגאַרישער גראַף האָרטי. ער איז געוואָרן דער דיקטאַטאָר און באַלד האָט ער איינגעפירט אַזאַ טעראָר, אַז נאָך איצט ווערט דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט ווען מען לייענט וועגן דעם. אויף וועמען ס׳איז נאָר געפאַלן אַ חשד, אַז ער האָט געהאַלטן מיט די „רויטע״, האָט מען אים באַלד אַרעסטירט און דערשאָסן, מען האָט מענטשן געכאַפּט אין די גאַסן און זיי אויף ביימער אויפגעהאָנגען. אַ סך אַרעסטירטע האָט מען געצוואונגען, זיי זאָלן זייערע אייגענע קברים אויסגראָבן און דערנאָך האָט מען זיי איינציקווייז אויסגעשאָסן און זיי פאַרשאָטן. בייטאָג און ביינאַכט האָט דער שרעקלעכער טעראָר געבושעוועט און געווילדעוועט, און ס׳איז געווען אַ מורא אין גאַס אַרויסצוגיין. עס איז אויך געווען אַ מורא צו בלייבן אין דער היים. מען איז אין ערגעץ מיטן לעבן ניט געווען זיכער. די שפּיאָנען פון דעם דיקטאַטאָר האָרטי האָבן אויף יעדער איינעם געהאַט אַן אויג און זיי האָבן ווי הינט אַרומגעזוכט די אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט פריער אַרונטערגעוואָרפן קאַראָלים רעגירונג און געגרינדעט אַן אַרבעטער-רעפּובליק.

נאָך דעם ווי די סאָוועט-רעגירונג אין בודאפעסט איז געפאַלן, האָט מען אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט וואוהין קאָלאָמאַן וואַליש איז אַנטלאָפן. די שפּיאָנען פון האָרטיס רעגירונג האָבן אים אומעטום געזוכט; זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל אים צו ברענגען טויט אָדער לעבעדיק, און ס׳איז שוין געווען באַשטימט

אַ גרויסע סומע געלט פֿאַר זיין קאָפּ. אָבער מען האָט אים אין ערגעץ ניט געקענט געפינען.

אין דער זעלביקער צייט האָט פּאַאולאַ וואַליש אויך געזוכט איר מאַן. אָנגעטאָן אין די קליידער פון אַ פּויעריש מיידל, כדי מען זאָל זי ניט דערקענען, האָט זי זיך געשלעפּט פון זשעגעדין קיין בודאַפּעסט, און אין איין דאָרף האָט זי געהערט ווי פּויערים דערציילן, אַז מען האָט „דעם קאַלאָמאַן וואַליש" געפונען ערגעץ אויף אַן אייזנבאַן־סטאַנציע און מען האָט אים דערשאָסן און ער האָט פאַרן טויט זיין אייגענעם קבר געמוזט אויסגראָבן.

אין אַ צווייטן דאָרף האָט זי געהערט ווי מען דערציילט, אַז מען האָט „דעם קאַלאָמאַן וואַליש" אויף אַ בוים אויפגעהאַנגען.

אומעטום האָט זי געהערט די שרעקלעכסטע זאַכן וועגן דעם ווי אַזוי איר מאַן און חבר האָט זיין לעבן פאַרלאָרן, און דאָס האָט זי שרעקלעך צורודערט.

אויפן וועג איז פּאַאולאַ אָפט געווען אין גרויס געפאַר, ווייל איבערן גאַנצן לאַנד איז דעמאָלט געווען אַזאַ צעמישעניש, אַז מען האָט ניט געקענט וויסן וואָס עס טוט זיך. ווען מען האָט ערגעץ אויף אַ וועג אַ פרעמדן מענטשן אָנגעטראָפן, האָט מען ניט געקענט וויסן צי ער איז איינער, וואָס אַנטלויפט פון אַנדערע, אָדער איינער, וואָס יאָגט זיך נאָך אַנדערע.

דערצו האָבן זיך נאָך אויף אַלע וועגן אַרומגעשלעפּט באַוואָפנטע באַנדעס פון די פרעמדע אַרמייען, וואָס האָבן זיך קיין אונגאַרן אַריינגעריסן, און זיי איז געווען אַלץ איינס וועמען צו שלאָגן און אויף וועמען אָנצופאַלן.

ווען פּאַאולאַ איז אַזוי איינמאָל געגאַנגען אויף אַזאַ וועג, וואו די געפאַר איז געווען גרויס, האָבן רומענישע סאָלדאַטן זי געכאַפּט און צוגענומען ביי איר דאָס ביסל געלט וואָס זי האָט

ביי זיך געהאַט און האָבן איר נאָך געוואָלט שלעכטס טאָן אויך. אַ שרעק איז אויף איר געפאַלן און זי האָט אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות, איז אָנגעקומען אַן אונגאַרישער פויער און האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון די סאָלדאַטן.

דער פויער איז געווען אַ גוטער מענטש, האָט ער זי אַוועק־געפירט צו זיך אין שטיבל און זיין ווייב האָט איר געגעבן עסן און טרינקען און אויך אַ געלעגער צו שלאָפן און זיך אויסצורוען. פּאַאולאַ איז די צוויי גוטע מענטשן געווען דאַנקבאַר דערפאַר, אָבער עס איז געווען ניט גוט וואָס זיי שטייען אַלץ צו צו איר מיט פראַגעס און ווילן אַלץ וויסן, ווער זי איז, וואָס זי איז און צוליב וואָס זי גייט קיין בודאַפּעסט.

קיין שלעכטס זיינען זיי דערמיט ניט אויסן געווען. זיי האָבן דאָס גלאַט געוואָלט וויסן. אָבער פּאַאולאַ האָט דאָך מורא גע־האַט זיי צו זאָגן דעם אמת, האָט זי זיי דערציילט אַ געשיכטע, אַז זי האָט אַ חתן, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער רויטער אַרמיי, און ער, דער חתן אירער, איז איצטער אין בודאַפּעסט, און אַזוי ווי זי בענקט נאָך אים זייער שטאַרק, גייט זי צו אים.

דאַן האָט דער פויער, צוזאַמען מיט זיינעם אַ פריינד, זי אַרויסבאַגלייט אויפן וועג און איר אָנגעוויזן וואוהין וויטער צו גיין. אָבער וואָס ווייטער פּאַאולאַ איז געגאַנגען און וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט צו בודאַפּעסט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די סכנה, און זי האָט דעריבער באַשלאָסן אַריינצוגיין צו דער פּאָליציי און בעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין בודאַפּעסט, ווייל מען האָט איר געזאָגט, אַז אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש לאָזט מען איצטער קיין בודאַפּעסט ניט אַריין.

אַריינקומענדיק צו דעם פּאָליציי־באַאַמטן, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז אַ פּשוטע דאָרפסמיידל, און זי האָט גערעדט אַזוי און זיך געהאַלטן אַזוי, אַז ער זאָל טאַקע מיינען, אַז זי איז אַ דאָרפסמיידל.

אָבער דער פּאָליציי-באַאַמטער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּ־נאַרן; ער האָט זי פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, ער האָט זי גע־האַלטן אין איין אָפּמעסטן מיט די בליקן, און דער סוף איז געווען — ער האָט געהייסן זי אַרעסטירן און פאַרשפּאַרן אין גע־פענגעניש.

צו זיצן הינטער גראַטעס אַלס אַ סאָציאַליסטקע איז שוין ביי איר ניט געווען קיין נייס און זי האָט זיך פאַר אַזעלכע זאַכן ניט געשראָקן. אָבער האָס מאָל איז זי געווען אַזוי אומרואיק, אַז זי האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט בלייבן אין געפענגעניש; זי האָט אַלץ געטראַכט וועגן איר מאַן, זי האָט געוואָלט וויסן וואו ער איז, צי ער לעבט, צי ער איז טויט; די שרעקלעכע קלאַנגען, וואָס מען האָט איר וועגן אים דערציילט, האָבן זי ניט געלאָזט רוען, און זי האָט געפילט, אַז אויב זי וועט ניט אַרויס פון גע־פענגעניש, וועט זי פון זינען אַראָפּ.

איינמאָל, ווען זי איז געזעסן אין אַ ווינקל פון קאַמער, אַן אומעטיקע און אַ פאַרזאָרגטע, מיטן קאָפּ איןביידע הענט, האָט זי דערהערט ווי אימעצער זאָגט צו איר שטיל:

— איך ווייס ווער איר זענט... איר זענט די פרוי פון קאָלאָ־מאַן וואַליש...

מיט שרעק האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ.

פאַר איר איז געשטאַנען דער באַוואָפנטער וועכטער, וואָס האָט זי געהיט...

זי האָט געפּרוּווט לייקענען. אָבער יענער האָט איר שטי־לערהייט פאַרטרויט אַ סוד און אָנגעגעבן סימנים, אַז ער איז אויך אַ סאָציאַליסט.

זי האָט געזען, אַז זי קען דעם מענטשן גלויבן.

— און איר מוזט פון דאַנען אַנטלויפן וואָס שנעלער! — האָט דער וועכטער איר געזאָגט שטיל. — אַנטלויפן, איידער זיי דערוויסן זיך ווער איר זענט...

— אָבער ווי אַזוי? — האָט זי געפרעגט.

— איך וועל אייך העלפן...

און דער גוטער מענטש האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט פּאַולאַן געהאָלפן אַנטלויפן.

נאָך דעם ווי זי איז פון געפענגעניש אַנטלאָפן, האָט זי זיך ענדלעך דערשלאָגן ביז בודאַפּעסט, און דאָרטן איז זי גלייך אַוועק צו באַקענטע חברים, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. זי איז גע־קומען צו זיי זוכן איר מאַן, אָבער זיי האָבן איר געזאָגט, אַז וואַליש איז שוין איצט אין בודאַפּעסט נישטאָ...

— וואו דען איז ער? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

און מען האָט איר געזאָגט, אַז גלייך נאָך דער איבערקע־רעניש איז וואַליש אַוועק צוריק קיין זשעגעדין.

— ער איז געלאָפן אַהין אייך אַרויסראַטעווען, — האָט איר איינער פון די באַקאַנטע געזאָגט.

צו פּאַולאַס פאַרצווייפלונג איז ניט געווען קיין ברעג. זי איז אַרומגעלאָפן פון איין באַקאַנטן צום אַנדערן, און אַלץ געהאָפט, אַז פון זיי וועט זי אפשר זיך דערוויסן וועגן איר מאַן נאָך עפּעס; אפשר האָבן זיי געהערט וואָס עס איז מיט אים געשען נאָך דעם ווי ער איז פון בודאַפּעסט אַוועק? אפשר?... טאָמער?... זי האָט זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

אָבער איר אומרואיקייט איז געווען אומזיסט, ווייל גלייך נאָך דעם ווי דער דיקטאַטאָר האָרטי האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און אַלע פינסטערע כוחות אין לאַנד האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון די לעכער, איז קאָלאָמאַן וואַליש אַריבער די גרענעץ און איז אָנגעקומען קיין יוגאָסלאַוויע, וואו ס'האָבן געוואוינט פּאַולאַס עלטערן.

איר לאָזן ווייסן וואו ער געפינט זיך האָט ער ניט געקענט,

און זי האָט אים דריי חדשים צייט אַרומגעזוכט, ביז זי האָט זיך ענדלעך דערוואוסט וואו ער איז און זי איז צו אים געקומען.

די פרייד פון מאַן און ווייב איז געווען זייער גרויס.

אָבער אויך אין יוגאָסלאַוויע איז וואַלישעס לעבן געווען אין געפאַר. מען האָט אים דאָרט אויך געקענט אַרעסטירן און אים איבערגעבן אין די הענט פון דער האָרטי-רעגירונג אין אונגאַרן.

איז קאַלמאַן וואַליש דעריבער אַוועק פון יוגאָסלאַוויע, און אין אָנהייב 1920 איז ער אָנגעקומען אין דער שטייערמאַרק-פּראָווינץ, וואָס געפינט זיך אין אייבער-עסטרייך, און דאָרט האָט ער זיך באַזעצט אין דער שטאָט ברוק און איז געוואָרן דער סעק-רעטאַר פונעם אַרבעטער-פאַראיין, און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז ער שוין ביי די אַרבעטער געווען אַזוי באַליבט, אַז ס׳איז גאָר ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס ער זאָל זיי הייסן טאָן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיי זאָלן אים ניט פאָלגן.

„דאָס איז אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט!" — אַזוי האָבן אויף אים געזאָגט סיי פריינד און סיי פיינט.

און איינער, וואָס האָט אים גוט געקענט, האָט שפּעטער גע-שילדערט ווי ער האָט אויסגעזען אין יענער צייט און וואָס פאַר אַן איינדרוק ער האָט געמאַכט:

„ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ דיקלעכער, מיט שטאַר-קע, ברייטע אַקסלען. קוקנדיק אויף זיינע ברייטע אַקסלען האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען שטענדיק גרייט די שווערסטע זאַכן אַריבערצוטראָגן. די אויגן זיינען ביי אים געווען לעבעדיק; עס האָט פון זיי שטענדיק געשפּריצט מיט פייער, און דאָך האָבן זיי אויסגעדריקט טיפן ערנסט. ער האָט געהאַט אַ טונקל-בלאָנדע טשופּרינע האָר. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט מוט און דרייסט-קייט. איין קוק אויף אים — און מען האָט פאַר זיך געזען אַ מענטשן מיט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן ווילן".

## 6

# פון געפענגעניש אין פאַרלאַמענט

די שטאָט ברוק, וואו קאַלמאַן וואַליש האָט זיך באַזעצט נאָך דעם ווי ער איז פון אונגאַרן קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן, איז ניט קיין גרויסע. אַרום און אַרום האָט זי אַ באַפעלקערונג פון ניט מער ווי אַ צוועלף טויזנט מענטשן. אָבער ברוק איז איינע פון די שענסטע שטעט אין עסטרייך. זי איז אַרומגערינגלט מיט בערג און טאָלן, וואָס פאַרכאַפן דאָס אויג מיט זייער שיינקייט. זי שטייט ביים ברעג פונעם טייך מור, און די לופט איז דאָרטן שטענדיק אַ פרישע.

די אַרבעטער אין דער פראָווינץ שטייערמאַרק, וואו עס געפינט זיך די שטאָט, האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זיי זיינען געווען זייער רעוואָלוציאָנער, און ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אין קאַלמאַן וואַלישן האָבן זיי גלייך דערזען דעם פאַסיקן פירער.

עס איז אין יענער אינדוסטריעלער פראָווינץ פון עסטרייך ניט געווען קיין איין אַרבעטער, וואָס האָט פון קאַלמאַן וואַלישן ניט געהערט. מיט זיין פערזענלעכקייט, וואָס האָט אין זיך געהאַט די עכטע וואַרעמקייט פון אַן אמתן פאָלקסמענטש, האָט ער זיי אַזוי באַצויבערט, אַז זיי זיינען פשוט געווען גרייט דאָס לעבן אוועקצוגעבן פאַר אים.

דאָס איז געווען דעם 15טן יולי, 1927. אין דער עסטרייכישער הויפטשטאָט ווין האָט אויסגעבראָכן אַ גענעראַל-סטרייק אַלס אַ פראָטעסט קעגן דעם וואָס מען האָט אין געריכט באַפרייט די פאַשיסטישע מערדער, וועלכע האָבן אין שאַטענדאָרף דערהרגעט צוויי אַרבעטער.

הונדערט טויזנט ווינער אַרבעטער זיינען אַרויס אויף דער

גאַס אין אַ דעמאָנסטראַציע וואָס מען האָט זעלטן אין ווין געזען אַזעלכע. די דעמאָנסטראַנטן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם שענד־לעכן אורטייל און זיי האָבן אונטערגעצונדן דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ. באַלד איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה און באַוואָפנטע פּאָלי־ציאַנטן און סאָלדאַטן זיינען שוין געווען אויפן אָרט. די אַרבעטער האָבן זיך באַפעסטיקט הינטער באַריקאַדן און אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. און אין יענעם טאָג זיינען אויף די גאַסן פון ווין געפאַלן טויט מער ווי הונדערט אַרבעטער, און פאַרוואונ־דעטע זיינען געווען מער ווי טויזנט.

קיין איינצלהייטן וועגן די געשעענישן אין ווין האָט קאָלאָ־מאַן וואַליש ניט געהאַט. אז די רעגירונג־סאָלדאַטן האָבן די דעמאָנסטראַציע צעטריבן און עס זיינען געפאַלן אַזוי פיל קרבנות — דאָס האָט ער נאָך ניט געוואוסט. ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז אין דער הויפּטשטאָט זיינען הונדערט טויזנט אַרבעטער אַרויס אין גאַס, האָט ער גלייך צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע פאַבריק־דעלעגאַטן אין ברוק און האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ פייער־דיקע רעדע.

— איצט טאָרן מיר דאָ קיין צייט ניט פאַרלירן! — האָט ער געזאָגט. — די אַרבעטער אין ווין זיינען אַרויס אויף די גאַסן. זיי שטורעמען רעגירונגס־געביידעס. עס איז זייער מעגלעך, אַז די רעגירונג איז שוין אַרעסטירט און אונזערע חברים האָבן שוין פאַרכאַפּט דעם קאַנצלער־פּאַלאַץ. קיין איין מינוט טאָרן מיר מער ניט וואַרטן!

פון זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז שוין אַ רעוואָ־לוציע אין דער הויפּטשטאָט און אַז דעריבער דאַרפן די אַרבעטער אין ברוק שוין אויך טאָן דאָס זעלביקע.

ער האָט געהייסן די פאַבריק־דעלעגאַטן זיי זאָלן גלייך אַרויס־געבן באַפעלן, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן פון די פאַבריקן אַרויס אין

גאַס און פאַרכאַפּן אַלע רעגירונגס-געבײַדעס און איבערנעמען די מאַכט אין זײַערע הענט. און עס האָט געדויערט ניט מער ווי אַ האַלבע שעה און פינף טויזנט אַרבעטער זײַנען שוין געווען אין גאַס, און זיי האָבן אָן שוועריקייטן איבערגענומען אַלע רעגירונגס-געבײַדעס. ברוק האָט אַרום און אַרום געהאַט ניט מער ווי אַ פּופּציק פּאָליציאַנטן. דאָס איז געווען די גאַנצע „באַוואַפנטע מאַכט", וואָס די רעגירונג האָט דאָרטן געהאַט, און אַזאַ מאַכט האָט אַ מאַסע פון טויזנטער מענטשן זייער לײַכט געקענט בײַקומען.

קאַלאַמאַן וואַליש האָט דעמאָלט אין ברוק פּראָקלאַמירט די „דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט", און אַ באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צוצונעמען בײַ די ברוקער פּריצים און פאַבריקאַנטן אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן. אָבער אַרום און אַרום האָט די „דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט" אין ברוק געדויערט ניט מער ווי זעקס שעה.

נאָך איידער די אַרבעטער האָבן באַוויזן זיך צו מאַכן היימיש געוווּנט אין די רעגירונגס-געבײַדעס, וואָס זיי האָבן איבערגענומען, איז פון דער שטאָט גראַץ אָנגעקומען מיליטער און האָט אָן שוועריקייטן געמאַכט אַ סוף צו אַלץ. מען האָט די אַרבעטער פון די רעגירונגס-געבײַדעס אַרויסגעטריבן. אַ סך פון זיי האָט מען אַרעסטירט. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אויך קאַלאַמאַן וואַליש.

אים האָט מען אַרעסטירט ווי דעם אָנפירער, און מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין דער געפענגעניש פון גראַץ.

אַ יאָר צײַט איז ער אָפּגעזעסן אין געפענגעניש, און ער האָט זייער שטאַרק אויסגעפעלט די אַרבעטער פון דער שטייער-מאַרק-פּראָווינץ. וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, האָבן זיי געטאָן אים צו באַפרייען, אָבער די רעגירונג האָט זיך ניט געאײַלט

וואַלישן צו באַפרייען. ערשט ווען עס זיינען אָנגעקומען די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, און קאַלאָמאַן וואַליש איז אַרויסגעשטעלט גע־וואָרן אַלס אַ קאַנדידאַט און איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ דעפּוטאַט מיט זייער אַ גרויסער צאָל שטימען — ערשט דאַן האָט די רעגירונג שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און אים גע־מוזט אַרויסלאָזן פריי. לויטן געזעץ טאָר מען אַ דעפּוטאַט פונעם פּאַרלאַמענט ניט האַלטן אין געפענגעניש.

וואַליש האָט זיך אין פּאַרלאַמענט געפילט ניט היימיש. ער איז געווען אַ מענטש פון קאַמף. ער האָט ליב געהאַט צו ריידן צו אַרבעטער און ס'איז אים שווער געווען זיך צוצופּאַסן צו דעם, ווי מען רעדט אין פּאַרלאַמענט. דעריבער האָט ער דאָרטן ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע.

אַ סך היימישער ווי אין פּאַרלאַמענט האָט זיך קאַלאָמאַן וואַ־ליש געפילט אין די רייען פון דעם שוצבונד, וואָס די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי אין עסטרייך האָט אָרגאַניזירט איבערן גאַנצן לאַנד.

דער שוצבונד איז געווען די באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין עסטרייך.

דער שוצבונד איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך צו באַשיצן די אינטערעסן און אויך די לעבנס פונעם אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד.

אינעם שוצבונד איז געווען איינגעפירט אַ מיליטערישע דיס־ציפּלין, און ווען די רעגירונג פון דעם רייכסקאַנצלער דאָלפוס האָט זיך באַפעסטיקט אין דער מאַכט און אין דער לופט האָט זיך אַלץ מער און מער געגומען טראָגן דער פינצטערער גייסט פון פאַשיזם, האָט מען אין די רייען פונעם שוצבונד אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אָנגעהויבן פילן, אַז באַלד־באַלד וועט מען זיך דאַרפן פאַרמעסטן אין כוחות.

אַזוי איז געווען אין ווין. און אַזוי איז אויך געווען אין די



דער שוצבונד, די באוואפנטע ארגאניזאציע פון די עסטרייכער ארבעטער.

אַנדערע שטעט פון עסטרייך, אין די גרויסע און אויך אין די קליינע שטעט.

די אַרבעטער און אויך זייערע פירער האָבן זיך גערעכנט דער־רויף, אַז עס וועט שוין אודאי לאַנג ניט געדויערן און זיי וועלן מוזן מיט געווער אין האַנט באַשיצן די אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל מי אויסגעבויט.

די סכנה פון אַ קאַמף צווישן דער אַלטער און דער נייער וועלט האָט זיך אַלץ נענטער און נענטער צוגערוקט.

די געפאַר פון אַ בירגער־קריג איז געהאַנגען אין דער לופטן.

מען האָט זיך געפילט פונקט ווי אויף אַ שלאַכטפעלד, וואו די אַרמייען פון ביידע צדדים רוען זיך אָפּ בלויז אויף אַ ווייל.

איין צד האָט חושד געווען דעם אַנדערן.

און יעדער צד האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט דורכלאָזן די געלעגנהייט, וועט דער צווייטער צד זיין דער ערשטער וואָס וועט אָנהייבן די אַטאַקע.

ביידע צדדים האָבן געוואָלט זיין די ערשטע. וואָרעם ביידע צדדים האָבן געוואוסט, אַז דער וואָס מאַכט דער ערשטער די אַטאַקע, דער איז שטאַרקער אין קאַמף און האָט בעסערע מעג־לעכקייטן בייצוקומען דעם שונא.

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז קאָלאָמאַן וואַליש גע־ווען צווישן די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיין די ערשטע וואָס זאָלן אַטאַקירן, ווייל וואָס לענגער מען וועט דאָס אָפּלייגן, אַלץ מער וועט זיך דער שונא באַפעסטיקן, און דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט. קאָלאָמאַן וואַליש האָט זיך געריסן צום קאַמף.

אין ברוק איז ער געווען דער קאָמאַנדיר פונעם שוצבונד, און ער האָט זיך צו דעם גוט אויסגעטויגט, ווייל ער איז דאָך געווען אַ מיליטערישער מענטש, אַ געוועזענער אונטער־אָפיצער אין דער אַרמיי.

דער שוצבונד איז ביי אים געווען דער שפּיגל פון דער באַוועגונג, די וויכטיקסטע אָפּטיילונג אירע, און טאַקע דערפאַר האָט ער דעם שוצבונד די בעסטע כוחות זיינע אַוועקגעגעבן, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, אָדער אַ געלעגנהייט, האָט ער איינגעקויפט געווער פאַר דער שוצבונד-אָפּטיילונג פון דער שטייערמאַרקער פּראָווינץ, איבער וועלכער ער האָט געהאַט צו זאָגן.

ער איז געווען זיכער, אַז וואָס מער עס וועט זיין אָנגעגרייט געווער ביים שוצבונד, אַלץ זיכערער וועלן זיך קענען פילן די אַרבעטער. און ער איז אויך געווען זיכער אין דעם, אַז עס איז שוין ניט וייט די צייט ווען די אַרבעטער אין עסטרייך וועלן דאַרפן אַרויס אין די גאַסן מיט געווער אין האַנט קעגן די פינצטערע כוחות פון קאַנצלער דאָלפוסעס רעגירונג.

מיט קלייבן און איינקויפן געווער אַליין האָט ער זיך ניט באַנוגנט. ער האָט אין דער שוץ-בונד-אָפּטיילונג, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין קאָמאַנדע, איינגעפירט אַן עכט מיליטערישן שטאַב און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי די אַרבעטער פון דער שטייערמאַרקער פּראָווינץ זאָלן קעמפן ווען די צייט וועט קומען.

די גאַנצע געגנט אַרום און אַרום האָט ער געקענט זייער גוט. ער האָט אָנגעוויזן וואו מען וועט זיך קענען באַפעסטיקן און ער האָט שוין באַצייטנס אויסגעקליבן די בערג אַרום דער שטאָט, פון וואַנען מען וועט קענען אַראָפּשיסן. ער האָט דעם גאַנצן פּלאַן געהאַט פאַרטיק. און אַלע מאָל, ווען ער האָט מיט נאָענטע חברים גערעדט וועגן דעם שוצבונד און וועגן דער ראָלע, וואָס ער וועט דאַרפן שפּילן ווען די שעה וועט שלאָגן, האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט:

— דער שוץ-בונד — דאָס איז די צוקונפטיקע אַרמיי פונעם פּראָלעטאַריאַט!

די אַרבעט, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער „צוקונפטיקער אַרמיי פונעם פּראָלעטאַריאַט" איז ניט געווען אומ-

זיסט. די שוצבונד-אָפטיילונג אין דער שטייערמאַרקער פּראָווינץ איז געווען צווישן די בעסט-אָרגאַניזירטע. זי איז געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע.

דער רעגירונג פונעם רייכסקאַנצלער דאָלפוס איז דער שוצ-בונד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן, און זי האָט אַלץ געזוכט אַ מיטל ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אים.

אַ לאַנגע צייט האָט די רעגירונג ניט געהאַט גענוג מוט אָנ-צונעמען גאָר שטרענגע מיטלען. אָבער ווען זי האָט זיך שוין געפילט פעסטער אין זאָטל, ווען עס האָט זיך איר איינגעגעבן אָנצוזאַמלען מער כוחות, האָט זי באַקומען מער מוט און אַרויס-געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל דעם שוצבונד פונאַנדערלאָזן.

צוזאַמען מיט דעם זיינען געקומען נאָך באַפעלן, וואָס האָבן קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז די רעגירונג פונעם רייכסקאַנצ-לער דאָלפוס נעמט זיך מיט אַלע כוחות אונטערדריקן די אַרבע-טער-באַוועגונג אין לאַנד און אָפן איינפירן אַן עכט פאַשיסטישע דיקטאַטור; מען האָט ביי די אַרבעטער צוגענומען די פריי-הייט פון פאַרזאַמלונגען; די סאָציאַליסטישע צייטונגען האָט מען געשטעלט אונטער אַ שטרענגער צענזור. און אַזוי האָט מען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פאַרצויגן דעם שטריק אַרום דעם האַלדז פון דע סאָציאַליסטישער באַוועגונג איבערן לאַנד.

ס'איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז ווי מען זאָל ניט ניט וועלן אויסמיידן בלוט-פאַרגיסונג, וועט זיך דאָס ניט איינ-געבן. ביידע צדדים וועלן מוזן אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף מיט געווער אין האַנט און זיך פאַרמעסטן אין כוחות איינער אַקעגן אַנדערן.

און מען האָט זיך טאַקע פאַרמאָסטן. לענגער וואַרטן האָט מען שוין ניט געקענט.

# 7

# אין אָפענעם קאַמף

אַ קורצע צייט איידער דער קאַמף האָט אויסגעבראָכן האָט זיך קאַלמאַן וואַליש מיט זיין ווייב באַזעצט אין דער שטאָט גראַץ.

אַזוי איז געווען דער באַשלוס פון דער פּאַרטיי. ער האָט אין גראַץ געדאַרפט איבערנעמען דעם אַמט פון פּאַרטיי-סעקרעטאַר.

עס איז אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט די אַרבעטער פון דער שטאָט ברוק, וואו ער האָט זיך איינגעלעבט אַזוי פיל יאָרן און וואו ער איז געווען דער באַליבטער פירער פון דער אָרגאַניזאַציע. אויף דעם באַנקעט, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיין כבוד וועגן, זיך צו געזעגענען מיט אים און מיט זיין ווייב, האָבן די רעדנער זיך אויסגעדריקט, אַז ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי מען וועט אין ברוק אויסקומען אָן אים. און ווען ער האָט באַדאַנקט פאַר דעם כבוד, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן און געענטפערט אויף די רעדעס, וואָס מען האָט געהאַלטן, האָט ער אַלעמען פאַרזיכערט, אַז ווען דער קאַמף, אויף וועלכן מען ריכט זיך, וועט זיך אָנהייבן, וועט ער גלייך קומען קיין ברוק.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

דעם 12טן פעברואַר 1934 איז דאָס געווען. די אַרבעטער אין ווין, אין לינץ, אין גראַץ און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך שוין געריכט דערויף, אַז היינט וועלן רעגירונג-סאָלדאַטן פּרוּוון פאַרכאַפּן אַלע „אַרבעטער-הייזער", וואָס מען האָט אויסגעבויט מיט אַזוי פיל מי. נאָך מיט אַ טאָג פריער האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן קלאַנגען וועגן דעם, און אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק, דעם 11טן פעברואַר, האָבן זיך שוין די שוצבונדיסטן באַפעסטיקט אויף זייערע פּאָזיציעס אין די „אַרבעטער-הייזער"

און אויך אין די הויפן, און אויף מאָרגן זיינען שוין אַלע אַרבע־טער־קוואַרטאַלן געווען אַרומגערינגלט פון באַוואָפנטע פּאָלי־ציאַנטן און מיליטער און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי.

די העלדישקייט, וואָס די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין עסט־רייך האָבן אין יענע קאַמפן אַרויסגעוויזן, האָט צו זיך ניט קיין סך גלייכנס. ניט אומזיסט האָבן שפּעטער אַפילו די שונאים גע־מוזט אַרויסווייזן באַוואונדערונג פאַר דעם העלדנמוט פון די אַרבעטער.

ניט נאָר די מענער, אויך די פרויען און די קינדער פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, האָבן אין יענע קאַמפן אַרויסגעוויזן אוי־סערגעוויינלעכע העלדישקייט.

דאָס איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט — אַ קאַמף, וואָס שטייט איצטער אין דער ערשטער ריי פון סאָציאַליסטישע העלדישע קאַמפן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַווע־גונג אויף דער גאַנצער וועלט.

קאָלאָמאַן וואַליש איז געווען אין גראַץ, ווען ס'איז אָנגע־קומען די ידיעה, אַז אין לינץ „האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן,‟ אַז דאָרטן זיינען שוין די אַרבעטער אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן פאַשיזם.

וועגן דעם וואָס עס קומט איצטער פאָר אין די אַנדערע שטעט, האָט ער נאָך קיין ידיעות ניט געהאַט געקראָגן. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט זיך דאָס פייער צעפלאַקערן איבערן גאַנצן לאַנד. און געדענקנדיק וואָס ער האָט צוגעזאָגט די אַרבעטער פון ברוק, ווען ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, האָט ער קיין צייט ניט פאַרלאָרן, און מאַנטיק, דריי אַ זייגער ביי טאָג, איז ער שוין געווען אין ברוק.

און געקומען איז ער אהין ניט אַליין, נאָר מיט זיין פרוי פּאַאולאַ. זי האָט אים אַלע מאָל באַגלייט. פונקט ווי ער האָט זי זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַר קיין געפאַר. פונקט ווי ער האָט

זי געטריי און ערלעך געדינט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין ברוק איז דערווייל נאָך געווען שטיל, אָבער מען האָט שוין געוואוסט, אַז די שטילקייט וועט לאַנג ניט געדויערן, אַז פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט וועט זיך דאָ אויך באַלד צעברענען דאָס פייער.

ווי נאָר קאַלמאַן וואַליש איז קיין ברוק אָנגעקומען, האָט ער קיין איין איבעריקע מינוט ניט פאַרלאָרן. ער האָט גלייך, אין גרויס איילעניש, צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די אַקטיווסטע טוער אינעם שוצבונד, און ריידנדיק וועגן דעם ווי ערנסט די לאַגע איז איצט, האָט ער געזאָגט — ניט נאָר די מיטגלידער פונעם שוצבונד זאָלן באַלד זיין גרייט צום קאַמף, נאָר יעדער איינער, וואָס קען נאָר האַלטן אַ ביקס אין האַנט, יעדער איינער וואָס קען נאָר שיסן!

ער האָט אַלעמען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט דעם וואָס די רעגירונג האָט דערקלערט אַ באַלאַגערונגס-צושטאַנד איבערן גאַנצן לאַנד, איז זי אויסן געווען צו מאַכן אַן אַרויסרוף די אַרבעטער, אַז זי איז גרייט זיך צו פאַרמעסטן אין כוחות מיט זיי. און אָט דעם אַרויסרוף — האָט ער געזאָגט, — מוזן מיר אָננעמען!

— געדענקט, חברים, — האָט ער געזאָגט, — מיר וועלן זיך ניט בלויז פאַרטיידיקן, מיר וועלן אויך אַטאַקירן!

און ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו געבן באַפעלן:

— שטורעמען דעם וואָקזאַל!

— אַרומרינגלען די געביידע פונעם פּאָליציי-שעף!

— פאַרכאַפּן אַלע שטאָטישע רעגירונגס-געביידעס!

דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַמט. ער איז קיין איין מינוט רואיק אויף אַן אָרט ניט איינגעשטאַנען. און אַזוי ווי ער האָט אַלעמען געקענט, האָט ער גלייך די פאַסיקע מענטשן אויסגעקליבן, און נאָך דעם ווי ער האָט אויף יעדן איינעם פון די אויס-

געקליבענע קאָמאַנדירן אַן אַנדער פּליכט אַרויפגעלייגט און אים אָנגעזאָגט וואָס צו טאָן, האָט ער אויך באַשטימט ספּעציעלע קאָמאַנדירן פאַר יענע שוצבונד־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך, לויט זיין פּלאַן, געדאַרפט באַפעסטיקן אויף די בערגלעך אַרום דער שטאָט און פון דאָרטן אַרונטערשיסן אויף די פּאָליציאַנטן און אויף דעם מיליטער פון דער פאַשיסטישער רעגירונג.

און ווען אַלע זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט אויף די אָנגעוויזענע פּאָזיציעס, האָט קאָלאָמאַן וואַליש נאָך אַלץ ניט גערוט; ער איז פון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער געלאָפן, און אומעטום האָט ער געגעבן אָנווייזונגען, אומעטום האָט ער די מענטשן אונטערגעגעבן מוט, און אַלע מאָל האָט ער געבראַכט נאָך און נאָך געווער.

קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער האָט אזוי פיל געווער גענומען. ווארעם אפילו נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט שוין רעם שוצבונד געהאַט פאַרבאָטן, האָט וואַליש קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו קויפן געווער שטילערהייט; ער האָט דאָס געקויפטע געווער באַהאַלטן, און בלויז ער אַליין האָט געוואוסט וואו דאָס געפינט זיך. און איצט, ווען מען האָט עס געדאַרפט, האָט ער עס פון די באַהעלטענישן אַרויסגענומען און האָט עס צעטיילט צווישן די, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף די אָנגעוויזענע פּאָזיציעס.

און ווען דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן האָט דער שוצבונד אין ברוק אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, וואָס אַלע האָבן באַוואונדערט.

אונטער זיין אייגענער קאָמאַנדע האָט קאָלאָמאַן וואַליש גענומען אַ בריגאַדע פון פינף הונדערט מאַן, און ער האָט מיט זיי פאַרנומען אַ פּאָזיציע, וואָס איז געווען געפערלעכער פון די אַנדערע פּאָזיציעס, ווייל דער שונא איז געווען צווי מאָל אַזוי פיל אין צאָל, און דערצו האָט דאָס פאַשיסטישע רעגירונגס־

מיליטער דאָרט נאָך געהאַט שווערע האַרמאַטן און מאַשין-ביקסן.

קאַלאָמאַן וואַליש האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן די אַנדערע בריגאַדעס. ער האָט אַז די אַטאַקע, אַז די פאַרטיידיקונג אָנגעפירט לויט אַלע מיליטערישע כּללים, פּונקט ווי אין אַ מלחמה. ער האָט געהייסן גראָבן טראַנשייען אַרום דער שטאָט; ער האָט געזען, אַז מען זאָל זיך באַפעסטיקן ביי יעדער פעלד, ביי יעדער באַרג, ביי יעדער טאָל, — אומעטום, וואו מען קען זיך נאָר באַפעסטיקן, ניט נאָר אין שטאָט, נאָר אויסער דער שטאָט, כּדי מ׳זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט ניט אַריינצולאָזן קיין נייע מיליטער.

דאָס קראַכן פון האַרמאַטן און ביקסן האָט פאַרהילכט די לופט און מענטשן זיינען געפאַלן פון ביידע זייטן. פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן געשרייען און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. די העלדישע סאָציאַליסטישע קעמפער האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן. אויך זייערע ווייבער האָבן אַרויסגעוויזן מוט. די פרויען פון די אַרבעטער האָבן אונטער אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן געבראַכט אַמוניציע פאַר זייערע מענער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיטן פאַשיסטישן מיליטער. אַ סך פון זיי זיינען אין די גאַסן געפאַלן טויט אָדער פאַרוואונדעט. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשראָקן די אַנדערע פרויען; זיי האָבן זיך ניט באַהאַלטן אין די קעלערס, נאָר איינשטעלנדיק דאָס לעבן, האָבן זיי ווייטער געטראָגן אַמוניציע פאַר די קעמפער אין גאַס.

ווען עס האָט אָנגעהויבן פעלן קוילן, איז אויף אַ סך פון די שוצבונדיסטן אַ מורא אַרויפגעפאַלן. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן בעסער שטאַרבן מיט די ביקסן אין די הענט, איידער זיך אונטערגעבן דעם שונא. און וואַליש האָט זיי געטרייסט, אַז מ׳וועט זיך ניט דאַרפן אונטערגעבן; ער האָט געזאָגט, אַז שפּעטער וועט מען אודאי צושיקן אַהער פון ווין נאָך קוילן, נאָך געווער. מען דאַרף נאָר האָבן מוט און ניט אויפגעבן די האָפענונג.

אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן האָט וואַליש געפּרואווט זיך פאַרבינדן מיט ווין דורכן טעלעפאָן. ער האָט געוואָלט אויסגעפינען ווי די לאַגע האַלט דאָרטן, און ער האָט אויך געוואָלט בעטן, אַז מען זאָל קיין ברוק פון אַן אַנדער שטאָט צושיקן נאָך אַמוניציע, אויב עס איז נאָר מעגלעך. אָבער די טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט ווין און מיט אַנדערע שטעט איז געווען איבערגעריסן.

דער קאַמף איז געווען אַ פאַרצווייפלטער, אָבער קיינער איז פון די פּאָזיציעס ניט אַוועק. אפילו די, וואָס זיינען געווען ערנסט פאַרוואונדעט, האָבן די ביקס פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט. דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיי, אָבער זיי זיינען געבליבן אויף די פּאָסטנס, און אַבי זיי האָבן נאָר געהאַט קוילן האָבן זיי געשאָסן.

און אַזוי האָט דאָס געדויערט די גאַנצע נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק, און אויך דעם גאַנצן דינסטיקדיקן טאָג.

גאַנץ ברוק איז געווען אַ שלאַכטפעלד, און כאָטש די אַרבעטער און סאָציאַליסטן זענען געווען ווייניקער אין צאָל און עס האָט זיי אויסגעפעלט אַמוניציע, האָט דאָס פאַשיסטישע מיליטער זיי ניט געקענט בייקומען.

אין אייניקע ערטער האָבן די אַרבעטער געהאַט די איבערהאַנט און דאָס פאַשיסטישע מיליטער האָט זיך געמוזט צוריקציען. דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער מוט די קעמפער און זיי האָבן נאָך מער העלדישקייט אַרויסגעוויזן. און קאָלאָמאַן וואַליש אַליין איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי אַ קוילנוואַרפער און געהאַלטן אין איין שיסן אויפן מיליטער. עס האָט זיך געדוכט, אַז קיין מאַכט אין דער וועלט וועט דעם מענטשן פונעם קוילנוואַרפער ניט קענען אָפּרייסן.

אָבער אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך איז קיין ברוק אָנגעקומען נאָך מיליטער און דעמאָלט האָט זיך אָנגע-

הויבן אַזאַ שיסעריי, אַז עס איז שוין אוממעגלעך געווען דאָס בייצושטיין. מען האָט געשאָסן ניט נאָר פון ביקסן. דאָס פייער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט מער אויף קיין פאַל ניט געקענט איינהאַלטן די פּאָזיציעס.

און דעמאָלט האָט קאָלאָמאַן וואַליש אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיך צוריקציען. ער האָט געהייסן איבערלאָזן די שטאָט און זיך באַפעסטיקן אויף אַ געוויסן באַרג, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער שטאָט. פון דאָרטן, האָט ער געזאָגט, וועט מען קענען אָראָפּשיסן אויפן שונא.

ווי אַ מיליטערישער מענטש האָט קאָלאָמאַן וואַליש גע־וואוסט, אַז ווען איין טייל פון אַן אַרמיי ציט זיך צוריק, מוז אַ צווייטער טייל פון דער אַרמיי באַשיצן איר צוריקגאַנג.

אָבער מער ווי דריי קוילנוואַרפער האָבן די אַרבעטער אין ברוק ניט געהאַט, און אַזאַ „אַרטילעריע" איז ניט געווען גענוג צו באַשיצן אַ צוריקגאַנג.

צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ שטערונג: אין די רייען פון די העלדישע קעמפער זיינען געווען אַ סך פאַרוואונדעטע. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קוים ביים לעבן געהאַלטן און מען האָט זיי געדאַרפט ראַטעווען. איבערלאָזן זיי אין שטאָט אויף הפקר האָט מען ניט געקענט; מען האָט זיי געמוזט מיטנעמען, און דאָס איז אָנגעקומען זייער שווער.

פאַרלירן אַ סך צייט ביים צוריקציען זיך האָט מען ניט געטאָרט, ווייל דאָס פייער פון די פאַשיסטישע האַרמאַטן איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און קאָלאָ־מאַן וואַליש האָט געזען, אַז אויב מען וועט זיך פאַרזאַמען, וועט דאָס מיליטער אַרומרינגלען די שוצבונד-קעמפער פון אַלע זייטן און וועט זיי נעמען אין געפאַנגענשאַפט, און דאָס הייסט, אַז מען וועט זיי אויסשיסן — אַלע ביז איינעם!

ניט אַריינצופאַלן קיין לעבעדיקע אין די הענט פון די פאַ־

שיסטישע רוצחים, האָבן זיך די שוצבונדיסטן פון ברוק צוריק־געצויגן. אונטער קאָלאָמאַן וואַלישעס קאָמאַנדע האָבן זיי זיך באַפעסטיקט אויף אַ הויכן באַרג, לעבן דער שטאָט, און פון דאָרטן האָבן זיי אַראָפּגעשאָסן אויפן שונא, און דאָס איז פאַרן פאַשיסטישן מיליטער געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווייל זיי האָבן זיך דערויף גאָר ניט געריכט.

שטייענדיק אויפן באַרג, וואו ער האָט זיך מיט זיין בריגאַדע באַפעסטיקט, האָט וואַליש גאַנץ אָפט געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין; ער האָט מיט די אויגן געזוכט אויף אַלע אַרומיקע וועגן, צי עס קומט ניט אַ שוצבונד־אָפּטיילונג פון גראַץ אָדער פון ווין; ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט אויף אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צוריק אין שטאָט אַריין און אַרויסטרייבן פון דאָרטן דאָס פאַשיסטישע רעגירונגס־מיליטער.

פון די אַנדערע שטעט איז ער געווען אָפּגעריסן און ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס קומט דאָרטן פאָר. און פון ווין האָט ער ניט באַקומען קיין ידיעות און ער האָט ניט געוואוסט, צי די דאָלפוס־רעגירונג איז שוין דאָרטן געפאַלן, אָדער פאַרקערט, דער קאַמף פון די סאָציאַליסטן איז אונטערדריקט. דאָס מיליטער פון דער רעגירונג האָט אַרומגערינגלט דעם באַרג, וואו קאָלאָמאַן וואַליש און זיין שוצבונד־בריגאַדע האָבן זיך באַפעסטיקט; זיי האָבן געשאָסן אַרויף פון האַרמאַטן, געוואָרפן גראַנאַטן און זיך אַלץ געשפּאַרט אַרויף, אַרויף. און אַזוי האָבן זיי זיך געשפּאַרט און געשפּאַרט זעקס שעה נאָכאַנאַנד און די גאַנצע צייט איז געווען אַזאַ שיסעריי, אַז די בערג אַרום און אַרום האָבן אַזש געציטערט.

וואַליש און זיינע חברים האָבן זיך אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אונטערגעבן. ערשט ווען די רעגירונגס־סאָלדאַטן זענען אַרויף אויפן באַרג און האָבן אַרומגערינגלט די שוצבונד־בריגאַדע. פון אַלע זייטן, איז שוין קיין אַנדער ברירה ניט געווען...

8

# אין ווילדן וואַלד אַליין

מיט אַ גרופּע פון אַ הונדערט מאַן האָט קאַלאַמאַן וואַליש דורכגעריסען די קייט פון דעם מיליטער, וואָס האָט זיין שוצבונד-בריגאַדע אַרומגערינגלט אויפן באַרג. עס האָט זיך אים און די אַנדערע איינגעגעבן צו אַנטלויפן. און ווען זיי זענען שוין געווען ווייט, האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין אַ טאָל, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פון ביימער אַרום און אַרום.

ניט מער ווי פערציק ביקסן האָט די גרופּע מיט זיך געהאַט, און אַפילו פאַר די פערציק ביקסן זענען ניט געווען גענוג קוילן. אויך עסנוואַרג האָט אויסגעפעלט. מען האָט זיך געמוזט טיילן מיטן ביסן. און וואוהין צו גיין האָט מען ניט געהאַט, ווייל אומעטום איז די סכנה געווען גרויס און מען האָט געקענט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פאַשיסטישער פּאָליציי.

דעם געגנט אַרום און אַרום האָט וואַליש גוט געקענט. אויך די אַנדערע פון זיין גרופּע האָבן דעם געגנט גוט געקענט, און ס׳איז ביי זיי געבליבן, אַז זיי זאָלן גיין מיט די וועלדער איבער דעם באַרגיקן געגנט און זיך שטילערהייט אַריבערכאַפּן איבער דער טשעכישער גרענעץ.

האָט מען זיך געלאָזט גיין איבער די שמאָלע און פאַרדרייטע וועגן פונעם וואַלד. און אַזוי איז מען געגאַנגען און געגאַנגען, שפּאַרנדיק זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער ריכטונג, וואו עס געפינט זיך די טשעכישע גרעניץ.

מיט אַמאָל האָט מען פון דערווייטנס דערהערט קולות:

— ווער גייט דאָרט

קיין ענטפער.

און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס קנאַלן פון ביקסן.
דאָס האָט אַ פּאָליציי־פּאַטרול געשאָסן.

פינף מענטשן פון וואַלישעס גרופּע זענען געפאַלן טויט, און די צאָל פון די קרבנות וואָלט זיכער געווען גרעסער, ווען וואַליש וואָלט באַצייטנס ניט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אָנהייבן שיסן פון אַלע פערציק ביקסן מיט אַמאָל.

דער זאַלפּ פון די פערציק ביקסן האָט דעם פּאָליציי־פּאַטרול איבערגעשראָקן. זיי זענען אַנטלאָפן.

וואַליש האָט פאַרשטאַנען, אַז איבער דעם צוזאַמענשטויס מיטן פּאָליציי־פּאַטרול איז די געפאַר איצט געוואָרן נאָך גרעסער. די פּאָליציאַנטן וועלן אודאי באַלד קומען צוריק אַהער מיט סאָלדאַטן; מען וועט זוכן אין וואַלד, מען וועט געפינען אַ שפּור, און דעמאָלט וועט מען זיך שוין אפשר מער ניט קענען ראַטעווען.

פון אַלע זייטן אין וואַלד האָט געלויערט די געפאַר. מען איז קיין איין מינוט מיטן לעבן ניט געווען זיכער. ווען עס האָבן פון ווינט געגומען רוישן די ביימער אין וואַלד, האָבן די פאַריאָגטע און פאַרמאַטערטע סאָציאַליסטן אין אַלע זייטן זיך אַרומגעקוקט. און ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ ביקס אין האַנט, איז געווען גרייט צו שיסן.

דעמאָלט האָט וואַליש פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל זיך בעסער צעטיילן אין קליינע גרופּעס.

— אַזוי, — האָט ער געזאָגט, — וועט זיין גרינגער זיך אַריבערצוכאַפּן די גרענעץ. אַ קליינע גרופּע וואַרפט זיך ניט אַזוי אין די אויגן ווי אַ מחנה פון הונדערט מאַן.

עס איז די חברים געווען שווער זיך צו שיידן איינע מיט די אַנדערע. מען האָט עס דאָך געמוזט!

האָט מען זיך אין צען גרופּעס צעטיילט, און יעדער גרופּע

האָט זיך געלאָזט מיט אַן אַנדער וועג. מיט וואַלישן זענען גע־בליבן די נאָענטסטע חברים זיינע.

מען האָט זיך לאַנג געשלעפּט אין וואַלד. וואַליש האָט די גאַנצע צייט כמעט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער האָט ניט געקענט רעדן, ווייל אויפן האַרצן איז אים געווען שווער.

אַ גאַנצן טאָג האָט מען אַזוי אינעם געדיכטן וואַלד גע־בלאָנדזשעט, און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און ס'איז אַרום און אַרום געוואָרן שטאָק־פינצטער, איז די מורא נאָך גרעסער געוואָרן. עס איז געווען ניט צו גיין און ניט צו שטיין. און די קעלט האָט די ביינער דורכגענומען, און עס איז אוממעגלעך גע־ווען אַ שפּאַן צו מאַכן, ווייל די ערד איז געווען געפרוירן און גליטשיק און אַלע מאָל איז אַן אַנדערער אומגעפאַלן.

די נאַכט אין וואַלד האָט זיך ווי אַן אייביקייט געצויגן. עס האָט זיך געדוכט אַז עס וועט גאָר קיין מאָל ליכטיק ניט ווערן און מען וועט זיך קיין מאָל צו דער גרענעץ ניט צושלאָגן.

די נאַכט איז דאָך אַוועק. ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק, האָט מען דערזען, אַז מען געפינט זיך לעבן אַ פעלד.

פון דאָרטן האָבן זיי געדאַרפט גיין צו דעם שטעטל אַדמאָנט, וואָס געפינט זיך ביי דער גרענעץ, אָבער דעם וועג אַהין האָבן זיי ניט געוואוסט.

פון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ פּויער, און ווען קאַלאַמאַן וואַליש האָט אים געפרעגט ווי מען גייט צום שטעטל אַדמאָנט, האָט דער פּויער געגעבן אַ קוק אויף אים און אויף די אַנדערע מיט חשד, און האָט געענטפערט בייז:

— איך ווייס ניט.

און איז באַלד אַוועק.

עס האָט גאָר קיין צווייפל ניט געקענט זיין, אַז דער פּויער איז אַוועק מעלדן דער פּאָליציי.

האָט קאַלמאַן וואַליש אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער, ווען מען וועט זיך ווידער צעטיילן.

זיין עצה איז געווען, אַז ווייטער זאָל מען ניט גיין צוזאַ־מען, נאָר איינציקווייז, אָדער פּאָרווייז.

ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אים איבערלאָזן אַליין.

— אָבער ווי קענען מיר דיך לאָזן אַליין, חבר וואַליש? — האָט מען אים געפרעגט.

— זאָרגט זיך ניט, — האָט ער זיי באַרואיקט, — ווען איך וועל זיין אַליין, וועט מיר זיין גרינגער זיך צו ראַטעווען. איך בין זיכער, אַז איך וועל זיך אַריבערכאַפּן די גרענעץ. אויף דער אַנדער זייט וועלן מיר זיך אַלע טרעפן.

ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַריבער די גרענעץ איידער ער זעט זיך מיט זיין ווייב פּאַולאַ. ער האָט געוואוסט, אַז אויב זי וועט בלייבן אין ברוק, וועט מען זי נאָך פּאַרפּייניקן צום טויט. האָט ער דעריבער אויסגעקליבן פּאַר זיך אַ הייל, וואָס די חברים האָבן פּאַר אים אויסגעבעט מיט דיקן לעדער.

— דאָ, האָט ער געזאָגט, — וועל איך זיך באַהאַלטן, און אייך, חברים, בעט איך, קלייבט אויס איינעם פון אייך, וואָס זאָל שטילערהייט אַריינקומען קיין ברוק און לאָזן וויסן מיין ווייב וואו איך געפין זיך. איך קען זיך ניט ראַטעווען אין אויסלאַנד און זי איבערלאָזן דאָ.

אַלע האָבן זיך הארציק געזעגנט מיט וואַלישן און אים צוגע־זאָגט צו לאָזן וויסן פּאַולאַן, וואו ער געפינט זיך. איינער פון די חברים האָט דאָס גענומען אויף זיך. און ווען וואַליש איז געבליבן איינער אַליין אין דער הייל, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ער איז געווען מיד, שרעקלעך מיד. אָבער דאָך האָט ער לאַנג ניט געקענט שלאָפן, ווייל אין הייל איז געווען מוראדיק

קאַלט. די בייסיקע קעלט איז אין די ביינער געקראָכן; זי האָט אַלע זיינע גלידער דורכגענומען. האָט ער לענגער אין הייל ניט געקענט פאַרבלייבן.

אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, איז ער אַרויסגעקראָכן פון הייל און האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען אַהין און צוריק — אין ווילדן וואַלד אַליין.

ער האָט געמוזט זיך באַוועגן, כדי זיך צו דערוואַרעמען כאָטש אַביסל.

דאָס האָט אים געראַטעוועט. ווען ער וואָלט אויף איין אָרט געזעסן אָדער געשטאַנען, וואָלט ער פאַרפראָרן געוואָרן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרייט אין ווילדן וואַלד אַליין, אָבער ווייט פון דער הייל איז ער ניט אַוועק, כדי זיין ווייב זאָל וויסן וואו אים צו געפינען, אויב זי וועט קומען אַהער. אויך די צווייטע נאַכט איז ביי אים אַוועק אין שפּאַנען אַהין און צוריק ביי דער הייל. טויזנטערליי געדאַנקען, איינער שרעקלעכער פונעם אַנדערן, זענען אים אין קאָפּ אַריין געקראָכן, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער פאַרצווייפלונג, פּונקט ווי ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער קעלט. און אויף מאָרגן, ווען ער האָט אין דער שטילקייט מיט אַמאָל דערהערט טריט פון דער ווייטנס, האָט ער זיך גלייך געגעבן אַ כאַפּ פאַרן רעוואָלווער.

אָבער ער האָט פון דער ווייטנס דערקענט דאָס געשטאַלט פון זיין פרוי פּאַולאַ. זי איז געגאַנגען ניט אַליין. מיט איר איז אויך געגאַנגען איינער פון די חברים, וואָס האָבן זיך נעכטן מיט וואַלישן געזעגנט. ער האָט איר אָנגעוויזן דעם אָרט, וואו זי וועט וואַלישן געפינען.

עס איז ניט איבערצוגעבן מיט קיין ווערטער ווי קאָלאָמאַן וואַליש האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט זיין פרוי און חבר דערזען!

פּאַול איז אָבער געווען זייער טרויעריק און נידערגעשלאָגן. זי האָט וואַלישן איבערגעגעבן די טרויעריקע נײַעס, אַז די רעגי־רונג האָט זיך איצט אומעטום באַפעסטיקט אין דער מאַכט, אַז די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין עסטרייך איז דער־שטיקט; אַז אים זוכט מען איצטער אומעטום און אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ באַלוינונג פון צען טויזנט שילינג פאַר זײַן קאָפּ.

וואַליש האָט געפּרוּווט פאַרדעקן זײַן געדריקטע שטימונג.

— אַזוי פיל געלט פאַר מײַן קאָפּ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, — איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז מײַן קאָפּ איז אַזוי פיל ווערט.

פּאַולאַ האָט געוואוסט, אַז פּאָליציי אויף אַלע וועגן האָט אַ באַפעל צו האַלטן אַן אויג און זען כאַפּן וואַלישן. זי האָט אויך געוואוסט, אַז זיי וועלן אים לײַכט דערקענען, ווײַל זיי האָבן אַלע געהאַט זײַן פאָטאָגראַפיש בילד. און טאַקע צוליב דעם האָט זי פאַר אים געבראַכט אַנדערע קליידער און אויך אַ פּאָר גרויסע ברילן. מען וועט אים אפשר ניט דערקענען און עס וועט זיך אים אײַנגעבן צו אַנטלויפן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע.

גיין צו פוס צו דער גרענעץ איז געווען אַ געפאַר, ווײַל ס'איז נאָך געווען ווײַט ביז אַהין. איז געבליבן, אַז מען זאָל בעסער דינגען אַן אָטאָמאָביל, וואָס זאָל זיי צופירן ערגעץ צו אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך בײַ דער גרענעץ, און דאָרטן וועט מען שוין זען וואָס ווײַטער צו טאָן.

צו קריגן אַן אָטאָמאָביל האָט אויף זיך גענומען דער חבר, וואָס האָט פּאַולאַן געבראַכט אין וואַלד אַרײַן. אויף אים האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן, ווײַל ער איז געווען זייער אַ מוטיקער און זייער אַ פאַרזיכטיקער מענטש. פּאַולאַ האָט אים מיט־

געגעבן אַ טייל פֿון דעם געלט, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט און ער איז אַוועק ברענגען אַן אָטאָמאָביל.

נאָך דעם ווי ער איז אַוועק, האָט זיך יעדער מינוט געצויגן ווי אַן אייביקייט.

און ווידער איז אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט איז געקומען, און פֿון דעם חבר, וואָס איז אַוועק ברענגען אַן אָטאָמאָביל, האָט מען גאָר ניט געהערט.

עס האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אַ געדיכטער שניי. פֿון דער פֿינצ־טערניש האָט אינעם געדיכטן וואַלד געאָטעמט מיט שרעק.

קאָלאָמאַן וואַליש האָט געפֿילט, אַז ער קען זיך מער אויף די פֿיס ניט האַלטען. די אויגן האָבן זיך ביי אים געקלעפּט פֿון שלאָף. ער איז געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט. און אויס־ציענדיק זיך אויפֿן שניי, האָט ער זיך איינגעדעקט מיט דעם קורצן מאַנטל, וואָס ער האָט געטראָגן, און אַזוי איז ער אַנט־שלאָפֿן געוואָרן. און די געטרייע פּאַאולאַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן אים, אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. זי האָט געוואַכט איבער אים, און פֿון אירע אויגן האָבן זיך טרערן געגאָסן.

## 9

# אין די הענט פון שונא

מיט דעם שאָפער פונעם אָטאָמאָביל, וואָס מען האָט געדונגען, האָט מען געדאַרפט האַנדלען אַזוי פאָרזיכטיק, אַז ער זאָל זיך ניט אָנשטויסן ווער זיינע פאַסאַזשירן זענען.

אים הייסן פאָרן אין וואַלד נאָך די פאַסאַזשירן האָט מען ניט געקענט, ווייל דאָס וואָלט ביי אים זיכער אַרויסגערופן אַ חשד. האָט מען מיט אים אָפגערעדט וואו ער זאָל וואַרטן. און ער איז טאַקע געווען פינקטלעך. צו דער באַשטימטער צייט איז ער געקומען צו דער סטאַנציע און באַלד זענען אַהין אָנגעקומען די פאַסאַזשירן.

דאָס איז געשען זונטיק, דעם 18טן פעברואר, ניין א זייגער אין דער פרי.

וואַליש איז געווען זיכער, אַז קיינער וועט אים ניט דערקענען. דאָס יעגער-היטל, וואָס ער האָט געטראָגן און די גרויסע ברילן אויף די אויגן האָבן אים אין גאַנצן אַן אַנדער אויסזען צוגעגעבן. אויך פאַאולאַ האָט געגלייבט, אַז איצט וועט קיינעם אין דער וועלט גאָר ניט קענען איינפאַלן, אַז דאָס איז קאָלאָמאַן וואַליש.

לויטן אָפמאַך האָט דער שאָפער געדאַרפט פירן דאָס פאָרל אין דעם שטעטל זעמערינג, און דערפאַר האָט ער געדאַרפט קריגן צוויי הונדערט שילינג. אָבער אויפן וועג האָט וואַליש געזאָגט דעם שאָפער, ער זאָל בעסער פאָרן צו דעם שטעטל וואַלט.

דער שאָפער האָט גאָר ניט געהאַט קעגן דעם; פאַרקערט, ער איז נאָך געווען צופרידן, ווייל קיין וואַלט איז געווען נענטער ווי קיין זעמערינג, און צוויי הונדערט שילינג וועט ער סיי ווי סיי קריגן.

און ער האָט אָנגעהויבן צו טרייבן דעם אָטאָמאָביל אויף דעם געברוקירטן וועג, וואָס פירט צו דעם שטעטל וואָלט.

דער וועג איז געווען אַ גוטער. דער אָטאָמאָביל האָט זיך געיאָגט שנעל. און ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און מען איז אָנגעקומען אינעם שטעטל וואָלט.

די רייזע אויף דער פרישער לופט האָט וואָלישן אויפגעמונטערט. ער האָט זיך געפילט גוט. עס האָט זיך אים ניט געגלוסט אַרויסצוגיין פונעם פאַרמאַכטן אָטאָמאָביל, וואו ער האָט זיך געפילט זיכער. האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— פאָרט ווייטער, ביז איך וועל אייך הייסן זיך אָפּשטעלן.

און ער האָט אים געגעבן נאָך פופציק שילינג.

דער שאָפער איז געווען זיכער, אַז די צוויי פּאַסאַזשירן זענען אודאי אַ רייך פּאָרל, וואָס לאָזט זיך וואוילגיין. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיי געווים דאַרפן פירן צוריק און וועט ווידער אַריינכאַפּן אַ שיינע מטבע, האָט ער זיי געוואָלט ווייזן וואָס פאַר אַ קינסטלער ער איז אין זיין פאַך.

מען איז פאַרבייגעפאָרן עטלעכע דערפלעך און מען האָט זיך אין ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט. אָבער ווען מען איז אָנגעקומען אין דעם שטעטל ליצען, האָט דער שאָפער זיך אָפּגעשטעלט קויפן גאַזאָלין.

— עס וועט לאַנג ניט געדויערן, — האָט ער געזאָגט די פּאַסאַזשירן, — מיר פאָרן באַלד ווייטער.

עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט און מען איז געפאָרן ווייטער, און אַלץ אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ־שטאָט אַדמאָנט. אָבער איידער מען איז געפאָרן ווייטער, איז צו דער גאַזאָלין־סטאַנציע צוגעקומען אַ באַן־קאָנדוקטאָר, און ער האָט וואָלישן גלייך דערקענט...

אַז די רעגירונג האָט צוגעזאָגט אַ באַלוינונג פון צען טויזנט

שילינג פאַר וואַלישעס קאָפּ — דאָס האָט דער קאָנדוקטאָר גע־וואוסט. און ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון דער גרויסער סומע געלט, וואָס ער קען קריגן, האָט זיך אים אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט, און ער איז גלייך אַוועק אין פּאָליציי.

ווען דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר פון ליצען האָט דערהערט, אַז דאָ איז פריער פאַרבייגעפאָרן קאַלאַמאַן וואַליש, האָט ער דאָס גלייך געלאָזט וויסן דורכן טעלעפאָן אַלע פּאָליציי־פּאָסטנס פון דעם גאַנצן געגנט אַרום און אַרום. און באַלד זענען שוין פון צוויי ריכטונגען, אי פון ליצען, אין פון אַדמאָנט, געלאָפן פּאָ־ליציאַנטן אויף אַטאָמאָבילן, יאָגנדיק זיך ווי די טייוואָלים צו כאַפּן וואַלשין.

און וואַליש אַליין האָט נאָך דערפון ניט געוואוסט, און זיצנ־דיק אין אַטאָמאָביל, וואו ער האָט זיך געקענט אָפּרוען נאָך די אַלע טעג און נעכט, וואָס ער האָט פון קיין רו ניט געוואוסט, האָט ער געמאַכט קאָמפּלימענטן דעם שאָפער פאַר זיין האַסטיקן פאָרן.

דאָס האָט ביים שאָפער אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג, אַז ער זאָל נאָך מער וויזן וואָס פאַר אַ גרויסער בריה ער איז, און ער האָט גענומען טרייבן דעם אַטאָמאָביל נאָך האַסטיקער, און אַזוי יאָגנדיק זיך, איז ער אַראָפּ פונעם געברוקירטן וועג און איז אַריין אין אַ גראָבן, פון וואַנען עס איז שווער געווען זיך אַרויס־צוקלייבן, און מען האָט געמוזט בעטן אַ פויער, ער זאָל העלפן אַרויפשטופּן דעם אַטאָמאָביל צוריק אויפן וועג.

נאָך דעם איז שוין אַלץ געגאַנגען ווי מיט דער פּוטער אַראָפּ.

אָפּפאָרנדיק ווייטער אַ שטיק וועג, האָט מען זיך ווידער געמוזט אָפּשטעלן, וויל עס האָט געפּלאַצט אַ גומענע ראָד.

ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, איז וואַליש אַרויס פון אַטאָמאָביל צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיי האָבן גענומען טראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן.

ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז אַ פאַרדעטער האָט זיי שוין אַרויסגעגעבן און אַז מען יאָגט זיך שוין נאָך זיי פון אַלע זייטן, וואָלטן זיי געווים אַריין אין וואַלד און וואָלטן זיך דאָרטן באַהאַלטן. און עס קען זייער זיין, אַז דאָס וואָלט וואַלישן געראַטעוועט פון טויט און ער וואָלט שפּעטער געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אַריבערצוכאַפּן איבער דער גרענעץ.

אָבער וואַליש האָט גאָרנישט ניט געוואוסט, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז ער און זיין פרוי זאָלן בעסער צוגיין צו־פוס צו דער באַן־סטאַנציע אָרדנינג, וואָס איז שוין ניט ווייט פון דאַנען. פון אָרדנינג וועלן זיי מיטן באַן צופאָרן קיין אַד־מאָנט און דאָרטן וועלן זיי אַריבער די גרענעץ.

אַזוי האָבן זיי געטאָן. זיי זענען געגאַנגען צופוס, און אין אַ האַלבער שעה זענען זיי שוין געווען אויף דער סטאַנציע.

מען האָט געדאַרפט וואַרטן ביז דער באַן וועט אָנקומען. האָט זיך וואַליש דערוייל גלאַט אַזוי אַרומגעדרייט אַהין און צוריק און נאָך דעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף עפּעס אַ שילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. ער האָט גאָר ניט באַמערקט ווי אין איין מינוט איז די גאַנצע באַן־סטאַנציע באַלאַגערט געוואָרן פון פּאָליציאַנטן.

פּאַאולאַ איז געווען די ערשטע, וואָס האָט דאָס באַמערקט. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

באַלד זענען צו וואַלישן צוגעלאָפן עטלעכע פּאָליציאַנטן און דער הויפּט זייערער האָט אויסגעשריען:

— די הענט אַרויף!

ס'איז ניט מעגלעך געווען זיך אַקעגנצושטעלן. און וואַליש האָט געפאָלגט און האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך.

אויך זיין פרוי האָט מען אַרעסטירט.

מען האָט זיי ביידן גלייך אין קייטן געשמידט און זיי אָפּ־געפירט קיין לעאָבען.

## 10

## „לעבן זאָל די רעוואָלוציע!"

מען האָט זיך געאײַלט. מען האָט מורא געהאַט צײַט צו פֿאַרלירן. עס איז גלײַך באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג זאָל מען וואַלישן שטעלן פֿאַר אַ קריגס־געריכט.

פֿריער, אײדער דער משפּט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען פּאַאולאַן גענומען אויף אַ שטרענגען פֿאַרהער. מען האָט געמײנט, אַז בײַ איר, בײַ אַ פֿרוי, וועט מען קענען קענען אַרויסקריגן פֿאַקטן, מיט וועלכע מ׳וועט זיך קענען באַנוצן אויפֿן פּראָצעס קעגן איר מאַן. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן מוטיק, און פֿון אירע ענטפֿערס האָט מען גאָר ניט געקענט אַרויסקריגן. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז שפּעטער זאָל מען זי משפּטן אין אַ געוויינלעכן געריכט.

וואַלישן אָבער האָט מען געשטעלט פֿאַר אַ קריגס־געריכט. און אָנגעהויבן האָט זיך דער פּראָצעס עטלעכע שעה נאָך דעם ווי מען האָט אים אַרעסטירט.

דער אָנגעקלאָגטער האָט געוואוסט וואָס אים שטייט פֿאָר, אָבער ער האָט ניט אַרויסגעוויזן אַפֿילו קײן סימן פֿון שרעק. רואיק און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ האָט ער אויסגעהערט ווי דער פּראָקוראָר לײענט די אָנקלאַגע. און ווען דער פּאָרזיצער האָט אים געשטעלט די פֿראַגע, צי ער איז זיך מודה אין דעם, אַז ער האָט אין ברוק געמאַכט אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד קעגן דער רעגירונג, האָט ער געענטפֿערט:

— יאָ, איך בין זיך מודה אין דעם. עס טוט מיר נאָר באַנג וואָס דער באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד האָט זיך ניט אײַנגעגעבן...

— און וואָס וואָלט געווען ווען ער וואָלט זיך יאָ איינגעגעבן? — האָט מען אים געפרעגט.

— דעמאָלט, מיינע הערן, — האָט ער געענטפערט, — וואָלט איר געזעסן דאָ, וואו איך זיץ איצט.

אין דער צייט ווען דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען האָט מען פון ווין עטלעכע מאָל אָפּגערופן דורכן טעלעפאָן. דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום האָט געהאַט טענות פאַר וואָס מען קלייבט זיך אַזוי לאַנג, פאַר וואָס מען גיט שוין ניט אַרויס קיין טויט-אורטייל. דער קאַנצלער דאָלפוס אַליין האָט דאָס געפאָדערט.

עס איז פשוט געווען אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיך וואָס ווייניקער פונאַנדערקלייבן אין איינצלהייטן און גלייך פאַרמשפּטן וואַלישן צום טויט. און די ריכטער האָבן דעם באַפעל געמוזט פאָלגן. זיי האָבן וואַלישן פאַרמשפּט צום טויט.

— טויט דורך הענגען!

דער אורטייל האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן צוויי שעה נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

— און ווי שפּעט איז איצט? — האָט קאָלאָמאַן וואַליש געגעבן אַ פרעג.

— ניין אַ זייגער. — האָט מען אים געענטפערט.

דאָס פּנים איז ביי אים געווען ווי פאַרגליווערט. ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין נערוועזיטעט.

אַזאַ פעסטקייט קענען אַרויסווייזן בלויז אַזעלכע מענטשן, וואָס ווייסן, אַז זיי שטאַרבן פאַר אַן אידעאַל.

און איידער מען האָט אים אַרויסגעפירט פונעם געריכט, האָט ער צום פּרעזיצער געהאַט אַ בקשה:

— איך וויל אייך בעטן, — האָט ער געזאָגט, — מען זאָל מיר געבן נאָך אַ שעה לעבן.

— צו וואָס עפּעס נאָך אַ שעה?

— איך וויל איבערלייענען אַלע לעצטע ציימונגען...

דאָס איז געווען זיין לעצטער פאַרלאַנג. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט די וועלט אין דעם מאָמענט ווען ער לאָזט זי איבער. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס עס קומט איצטער פאָר אין עסטרייך, צי עס קעמפן נאָך ערגעץ זיינע חברים-סאָציאַליסטן, אָדער דער אויפשטאַנד איז שוין אומעטום אונטערגעדריקט. ער האָט אויך געוואָלט וויסן, וואָס עס קומט איצטער פאָר אין אַנדערע לענדער און ווי מען האָט זיך אָפּגע־רופן דאָרטן אויף די געשעענישן אין עסטרייך.

האָט מען אים געגעבן נאָך אַ שעה לעבן.

אָבער קיין ציימונגען האָט מען אים ניט געגעבן...

מען האָט געוואָלט ברעכן זיין רעוואָלוציאָנערן מוט אין די לעצטע שעהן פון זיין לעבן. אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבן. און שפּעטער, ווען מען האָט צו אים אין צעל אַריינגעפירט זיין ווייב פּאַאולאַ, זי זאָל זיך צום לעצטן מאָל געזעגענען מיט אים, און ער האָט דערזען ווי זי וויינט, האָט ער זי איינגעשטילט.

— באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, פּאַאולאַ, — האָט ער גע־זאָגט, — דו ביסט דאָך אַלע מאָל געווען מוטיק און איך האָב זיך שטענדיק איבערגענומען מיט דיר. אַ ווייב פון אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף אַלץ קענען אַריבערטראָגן...

דאָ האָבן זיך אים אַליין אויך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — איך וואָלט נאָך זייער גע־וואָלט לעבן! איך פיל נאָך אין זיך כוחות צו טאָן אַ סך זאַכן; איך בין נאָך געגוג שטאַרק צו קעמפן. שטאַרק זיך, פּאַאולאַ... שטאַרק זיך!... איך גיי אַוועק פון דער וועלט. דו בלייבסט דאָ... שטאַרק זיך. שטאַרק זיך!...

מער האָט ער גאָרנישט געקענט זאָגן.

נאָך דעם איז ער געבליבן אין קאַמער אַליין, און ער איז די גאַנצע צייט געזעסן פאַרטראַכט.

אַ גלח איז אַריינגעקומען מיט שטילע טריט.

וואַליש האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, און דאָס האָט באַטייט אַז ער וויל דעם גלח ניט אויפנעמען.

שפּעט ביינאַכט, ווען דער זייגער האָט געוויזן פּונקט אַ פערטל צו צוועלף, איז מען געקומען נעמען וואַלישן צו דער תליה.

ניט רײדנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך געלאָזט פירן. און געגאַנגען איז ער מיט פעסטע טריט, און דעם קאָפּ האָט ער גע־האַלטן אויפגעהויבן.

ווען מען האָט אים צוגעפירט צו דער תליה, האָט ער מיט פאַראַכטונג געגעבן אַ קוק אויף די אַלע מענטשן, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען.

עס איז געווען שטיל. קיינער האָט קיין וואָרט ניט אַרויס־גערעדט.

דער תליון האָט וואַלישן אָנגענומען אונטערן אָרעם. ער האָט אים געוואָלט העלפן אַרויפגיין אויף די טרעפּלעך פון דער תליה. אָבער וואַליש האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, זיך ניט גע־לאָזט נעמען אונטערן אָרעם.

— באַמיט זיך ניט, — האָט ער אים געזאָגט, — איך קען אַליין אַרויפגיין.

און ער איז אַליין אַרויפגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגע־שטעלט לעבן דער פעטליע, וואָס איז שוין געהאַנגען גרייט פאַר זיין האַלדז.

אָבער איידער דער תליון האָט אים די פעטליע אויפן האַלדז אָנגעטאָן, האָט קאַלאַמאַן וואַליש אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין דער הייך, און ווען ער האָט געזען ווי אַלע זענען געבליבן

שטיין, אָנשטעלנדיק די בליקן אויף אים, האָט ער אויסגעשריען אַזוי, אַז זיין קול האָט איבערן גאַנצן הויף אָפּגעקלונגען: — „לעבן זאָל די סאָציאַליסטישע רעפּובליק אין עסטרייך! לעבן זאָל די רעוואָלוציע!"

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון דעם מוטיקן סאָציאַליסטישן קעמפער, זיין לעצטער אויסרוף צו דער וועלט.

*

דאָס איז געשען אין אַ מאָנטיק, דעם 18טן פעברואַר, פונעם יאָר 1934.

קאָלאָמאַן וואַליש איז דעמאָלט אַלט געווען פינף־און־פערציק יאָר.

*

און נאָך דעם ווי דער מוטיקער סאָציאַליסטישער קעמפער איז שוין געווען טויט, האָט די רעגירונג זיך נאָך אַלץ געשראָקן פאַר אים. מען האָט מורא געהאַט אַז אַרבעטער וועלן אויסדריקן זייער צאָרן קעגן דעם וואָס מען האָט זייער באַליבטן פירער אויפגעהאנגען, האָט מען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן אַוועקגעשטעלט מיליטער מיט ביקסן און האַרמאַטן, און אַ באַפעל אַרויסגעגעבן, אַז אויב עס וועט זיך נאָר עפּעס אָנהייבן, זאָל מען גלייך שיסן.

„די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג". — אַזוי האָט שפּעטער דערציילט אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ צייטונג.

אין דער גאַנצער שטייערמאַרקער פּראָווינץ, וואו מען האָט קאָלאָמאַן וואַלישן גוט געקענט, האָבן די אַרבעטער נאָך זיין טויט גערעדט וועגן אים ווי פרומע לייט רעדן וועגן אַ הייליקן. און ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, ווער עס האָט אים אַרויסגע־

געבן דער פּאָליציי, איז ביי זיי געבליבן צו נעמען נקמה אין דעם פאַררעטער.

דעם דריטן מערץ האָט מען דעם באַן־קאָנדוקטאָר געפונען אַ דערשאָסענעם.

מען האָט דעם פאַררעטער דערשאָסן ווען ער איז געגאַנגען אָפּנעמען די צען טויזנט שילינג, וואָס מען האָט צוגעזאָגט פאַר קאַלאָמאַן וואַלישעס קאָפּ.

דעם טויטן קערפּער פון דעם העלדישן סאָציאַליסטישן קעמפער האָט מען ניט געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פון זיינע נאָענטע. מען האָט מורא געהאַט פאַר רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס אינעם טאָג פון זיין לויה.

פון ווין איז געווען אַ באַפעל, אַז מען זאָל אים באַגראָבן שטילערהייט, און קיינער פון זיינע נאָענטע זאָל ניט וויסן וואו דער קבר געפינט זיך.

אָבער עטלעכע פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן וואַלישן זייער שטאַרק ליב געהאַט, האָבן דאָך אויסגעפונען וואו זיין קבר איז און נאָך דעם איז שוין ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז מען זאָל דאָרטן ניט געפינען קיין פרישע בלומען.

די רעגירונג האָט דאָס ניט געוואָלט ליידן, און מען האָט אויף איר באַפעל קאָלאָמאַן וואַלישעס טויטן קערפּער אין אַן אַנדער קבר אַריבערגעטראָגן. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. די אַרבעטער האָבן אויסגעפונען וואו דער נייער קבר איז און זיי האָבן אויך אַהין פרישע בלומען געבראַכט.

אַן אַרבעטער האָט אויסגעקריצט איבער קאָלאָמאַן וואַלישעס קבר אַזאַ קורץ ליד:

**מירן אייביק געדענקען דיין נאָמען,**
**דיין קאַמף און דיין טויט און דיין מוט,**
**ס'וועט אויפגיין אין הערצער דער זאָמען**
**וואָס דו האָסט פאַרזייט מיט דיין בלוט.**



אן ארבעטער-דעלעגאַציע אויפ'ן קבר פון קאַלמאַן וואַליש.

קאַלאָמאַן וואַליש איז פאַרבליבן אַ סימבאָל פון רעוואָלוציאָ-נערן מוט און רעוואָלוציאָנערער העלדישקייט.

ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען אין אַ סך שטעט פון עסטע-רייך און פון אויסער עסטרייך וועלן שטיין מאָנומענטן פאַר דעם העלדישן סאָציאַליסטישן קעמפער — קאַלאָמאַן וואַליש.